STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04837

DI GEFAHR FUN DI IDISHE NATSYONALISTISHE BAVEGUNG IN IHRE FERSHIDENE FORMEN

M. Fishberg

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Mildred H. Gordon
in memory of
Kate & Nathan Gross

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דיא געפאהר

פון דיא

אידישע נאַציאָנאַליסטישע בעוועגונג

אין איהרע פערשיעדענע פאָרמען

— וויא —

דיא ראַסענפראַגע
ציון ציוניזם.
טעריטאָריאליזם
אחד־העם־־קולטוריזם
נאַציאָנאַל־קולטורעלע־אויטאָנאָמיע.

פון דר. מ. פישבערג

אינהאלטס-פערצייכניס.

איינלייטונג.

אידישע צרות. — פערשיעדענע מיטלען צו לייזען דיא אידישע פראגע.— פארדערונגען פון „בונד“ און פון דיא „ס. ר. ט.“ — צוועק פון דיזער בראשורע.

ערשטער אבשניט : דער אידישער נאציאנאליזמוס.

דיא „אידישע“ און „סעמיטישע“ ראסע. — זיינען דיא אידען א ריינע ראסע? — מיינונגען פון געלעהרטע אידען און פון אנטיסעמיטען. — דיא ראסענפראגע אין אייראפא און אמעריקא. — רענאן. — טשעמבערליין. — עטהנאלאגיע און אנטהראפאלאגיע איבער דער ראסענפראגע. — דיא „אידישע“ נאז. — שאוויניזמוס. — „וויסענשאפטליכער אנטיסעמיטיזמוס“.— אידען, ציוניזמוס, שאוויניזמוס און אנטיסעמיטיזמוס. — ראסענפראגע אין אמעריקא. — זיינען דיא אידען א פאלק אדער א נאציאן? — דער אריענטאלישער בעגריף פון נאציאנאליטעט.— דיא אידען דענאציאנאליזירען זיך אין פריע לענדער. — דיא פערמעהרונג פון אידען אין פערשיעדענע לענדער. — דיא ספרדים אין אמעריקא. — דיא פערמישונג פון אידען מיט אנדערע פעלקער. — אברהם, יוסף, משה, דוד, שלמה. — עזרא און נחמיה. — דיא פערמישונג פון אידען מיט רוימער און גריעכען. — געמישטע הייראטהען אין מאדערנע קולטור שטאאטען. — אידישע נעמען. — אידישע שפראכען. — לשון הקודש. — ספאניאליש. — זשארגאן. — ווארום אידען רעדען אידיש.— אידיש פערשווינדעט אין לענדער וואו אידען האבען פרייהייט. — דיא „אידישע“ קולטור. — אחד העם. — אידישע זשעניאלע מענער. — ארטהאדאקסישעס יודענטהום. — דער „אידישער גייסט“. — שליסע.

צווייטער אבשניט: דער ציוניזמוס און טעריטאָריאַליזמוס.

אַמאל האבען אידען געוואָרט אויף משיח'ן. — פאלק'ס אידעאַלען. — ציוניזמוס. — פּאַלעסטינא איז צו קליין פאר אלע אידען. — דיא פרעמדע וועלען זיין דיא מאַיאריטעט. — קליין אזיען, סיריען און מעזאפאטאַ־מיען. — קיינמאל ניט געוועזען אויסשליסליך אידיש. — אידישע פיאָנירען. — אין וועלכע לענדער קענען מיר קריגען פיאָנירען. — מערב איזראפּעאישע אידען וועלען ניט פאהרען קיין פּאַלעסטינא. — שטאדט־מענשען קענען ניט ווערען קיין אַקערבויער. — ביישפּיעלע פון אידישע קאָלאָניעס אין פּאַלעסטינא און אַמעריקא. — דער פיזישער צושטאַנד פון אידען. — פערשיעדענע קלאסען אידען. — יעקב גארדין'ס מיינונג איבער אידישע דיסציפּלין. — אונרוהען אין א אידישער טעריטאָריע.

דריטער אבשניט: די געפאַהר פון אידישען נאַציאָנאַליזמוס.

המן, דיא היינטיגע אַנטיסעמיטען און דיא אידישע נאַציאָנאַליסטען. — דיא ענגלישע אימיגראַציאָנס אונטערזוכונג. — אידען זיינען ניט קיין „פרעמדע" אין איזראפּא. — זיי זיינען ניט קיין אזיאַטען. — ציוניזמוס האט קיין ערפאלג אין פריינע לענדער. — אין אמעריקא. — קאָנצענטראַ־ציאָן פון אידען. — דיא גהעטאָ. — נאַציאָנאַל קולטורעלע אויטאָנאָמיע. — דער קהל. — אויטאָנאָמיע מיינט אויסנאַהמסגעזעצע. — דער שטאַאַט און דיא קירכע. — עמיגראַציאָן און אסימילאַציאָן דיא איינציגע רפואה. — שליסע.

איינלייטונג.

אין פערלויף פון דיא לעצטע פאָר יאהר זיינען דיא אידען אָנגעשטעקט געוואָרען מיט דער אייראָפּעאישער קראנקהייט וועלכע מען רופט „שאָוויניזמוס". דער געוואלדיגער פראָגרעס פון קונסט און וויסענשאפט, פון ליבעראליזמוס און טאָלעראנץ האָט פיעל בייגעטראָגען צור בעפרייאונג פון פיעלע נאציאָנען פון דיא אונערטרעגליכע אונטערדריקונגען פון וועלכע זיי האָבען געליטען בעפאָר דעם נייננצעהנטען יאהרהונדערט. דער איד האָט געהאט גרויסע האָפנונגען דאָס דיעזער פאָרטשריט וועט אויך פיעל ביי־טראָגען איהם צו פערלייכטערן זיין צוויי טויזענד יעהריגען גלות. אין פיעלע לענדער אין וועסט־אייראָפּא און אמעריקא זיינען דיעזע האָפנונגען פערווירקליכט געוואָרען — דער איד האָט געקריגען גלייכע רעכטע און ווערט פערדעכנעט אלס מיטבירגער אין דעם לאנד וואו ער וואָהנט. אין מזרח אייראָפּא אבער, אין רוסלאנד, רומעניען, טירקיי א. ד. גל., וואו מעהר וויא א העלפט פון אלע אידען אין דער וועלט וואָהנען געפינט זיך דער איד היינט, אין אָנפאנג פון צוואנציגסטען יאהרהונדערט, גראדע דאָרט וואו ער האָט זיך געפונען אין מיטעלאלטער. דיא אויסנאהמס־געזעצע, דיא פּאָגראָמען, דיא הוליגאנעס, דיא אונבארמהערציגע אונטערדריקונגען און פערפאָלגונגען וועלכע דיא 6,000,000 אידען אין רוסלאנד מוזען אויסשטעהן האָבען אויפגעוועקט אלע אידען אין דער גאנצער וועלט. אלע האָבען אָנגעפאנגען צו זוכען רפואות פאר דער מכה; אלע האָבען אָנגעפאנגען קלערען וועגען א מיטעל וויא צו פערזיכערען דאָס לעבען, דאָס אייגענטהום פון דיא אונגליקליכע אידען.

דיא ציוניסטען זיינען געווען דיא ערשטע פאַרצושלאַגען א זיכערען מיטעל און זיי האַבען געקריגען פיעלע אנהענגער צווישען דיא אונגליקליכע און פערפאָלגטע אידען אין רוסלאַנד, איבערהויפט צווישען דיא עלטערע קאָנסערוואַטיווע אידען. עס געפינט זיך אבער א גרויסע מחנה יונגערע אידען אין רוסלאַנד, מיט פראָגרעסיווע טענדענצען, מענשען וועלכע פערלאָזען זיך ניט אויף נסים, מענשען וועלכע ווילען ניט וואַרטען ביז דער סולטאַן פון טירקיי וועט גוט ווערען און זיי אָבגעבען פאַלעסטינא; מענשען וועלכע זיינען אָנגעשטעקט מיט מאָדערנע פראָגרעסיווע אידעען, מיט סאָציאַליזמוס און אנארכיזמוס. דיעזער קלאַס אידען האָבען אויסשטודירט, מעהר אָדער ווייניגער, דיא פראַגע פון ציוניזמוס, און זיינען געקומען צום שלום דאָס ציון, דאָס פאַלעסטינא איז ניט אויסשליסליך דאָס לאַנד וואוהין אידען בעדאַרפען געהן. יעדעס לאַנד אין דער וועלט, וואו מען קען נור קריגען פאַר אידען אויטאָנאָמיע וואָלט גוט גענוג געווען. אזוי זיינען ענטשטאַנען דיא פועלי ציון, דיא סאָציאַליסטען־טעריטאָריאַליסטען, דיא אנארכיסטען־טעריטאָריאַליסטען. אין ענגלאַנד וויעדער האָט דער זשעניאַלער אידישער שריפטשטעלער איזראַעל זאַנגוויל אָרגאַניזירט דיא „טעריטאָריאַליסטישע פאַרטיי" וועלכע האָט דיא זעלבע אויפגאַבע וויא דיא אנדערע טעריטאָריאַליסטישע פאַרטייען אָהן א סאָציאַליסטישער אָדער אנארכיסטישער שאַטירונג.

זעהר פיעל ביכער, אַרטיקלען און פאַמפלעטען זיינען געשריעבען געוואָרען איבער דיעזע פראַגען אין אידיש; דיא אידישע פרעסע איז פול מיט דיסקוסיאָנען איבער דעם ציוניזמוס, נאַציאָנאַליזמוס און טעריטאָריאַליזמוס. נאָר וויא ווייט איך בין בעקאַנט געפינט זיך נאָך ביז יעצט ניט קיין איינציגעס ביכעל אין וועלכען עס זאָל געגעבען ווערען איין אויספיהרליכע בעשרייבונג פון דיא וויכטיגסטע איינווענדונגען געגען דיעזע טענדענצען; וואו עס זאָלען בעוויעזען ווערען דיא געפאַהרען פון דיעזע טהעאָריען פאַר דיא אידען אין דער גאַנצער וועלט. איך האָב שוין לאַנג אין זינען געהאַט צו שרייבען אין אידישע איבער דיזער פראַגע, נאָר איך

האָב אלץ אָבגעלעגט ווייל איך בין געווען פערנומען מיט אנדערע ארבייט. זעהענדיג דאָס דיא אידען אין אמעריקא נעהמען וועניג אנטהייל אין דער ציוניסטישער בעוועגונג, דאָס דיא ציוניסטען זיינען אזוי שוואך אין אמעריקא דאָס זיי האָבען זאָגאר ניט קיין וועכענטליכען אָרגאַן אין ענגליש אָדער אידיש, האָב איך גערעכענט דאָס מען ברויכט זיך ניט איילען, עס איז דאָ גענוג צייט צו שרייבען דאריבער.

ווען אבער אין פערלויף פון דיא לעצטע פאָר מאָנאטען האָבען ערשיענען איינינע נאציאָנאליסטישע וואָכענבלעטער; ווען פיעלע פון אנזערע פראָגרעסיווע מענער, זאָגאר סאָציאליסטען און אנאר־כיסטען האָבען ערקלערט דאָס זיי זיינען איינפערשטאַנען מיט דער „נאציאָנאלער“ בעוועגונג צווישען אידען האָב איך בעשלאָסען צו שרייבען דיא פאָרליעגענדע בראָשורע. עס איז צייט דאָס דער אידישער־לעזער אין אמעריקא זאָל קענען לעזען איבער דער פראגע פון סטריקט וויסענשאפטליכען שטאנדפונקט.

דער הויפט־צוועק פון דיזער בראָשורע איז צו בעווייזען דיא פאלשקייט פון אידישען נאציאָנאליזמוס, דיא אונמעגליכקייט פון דעם ציוניזמוס און דיא געפאהרען פון דיזע בעוועגונגען. עס איז יעצט נאָך מעהר נעטהיג צו שרייבען דאריבער, ווייל דער „בונד“ אין רוסלאנד, דיא אָרגאניזאציאָן וועלכע רעפרעזענטירט דיא בעסטע, דיא פאָרטגעשריטענסטע און דיא לאָגישסטע עלעמענטען פון דיא אידען אין רוסלאנד האָבען ביי זייער לעצטען „צוזאמענפאָהר“ אָנגענומען דיא פאָלגענדע רעזאָלוציאָן איבער דער נאציאָנאלער פראגע: זיי פאָרדערן

„א מעגליכקייט פאר דער אידישער בעפעלקערונג, גאראנטירט דורכ'ן געזעץ, צו בענוצען די אייגענע שפראך אין די איפטראגען מיט דעם געריכט און מיט די איינריכטונגען, ווי פון דער מלוכה אזוי אויך אָרטיגער און טעריטאָריא־לער זעלבסטפערוואלטונג.

נאציאָנאל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע:

אויסשליסען פון דעם רשות פון דער מלוכה, אזוי אויך פון דער אָרטיגער און טעריטאָריאלער זעלבסטפערוואלטונג דיא פונקציעס, וועלכע זיינען פערבונדען מיט קולטורפראגען (פאָלקסבילדונג און אנדערע) און איבערגעבען זיי דער נאציאָן זעלבסט אין דער געשטאלט פון בעזונדערע איינריכטונגען, וויא אָרטיגע, אזוי אויך צענטראלע, גענועהלט פון אלע מיטגליעדער אויפ'ן גרונד פון אלגעמיינער, גלייכער, דירעקטער און געהיימער אבשטימונג.“

(וועקער נומער 1.)

דיא סאָציאל־רעוואָלוציאָנערע טעריטאָריאליסטען אין ניו יאָרק האָבען אָנגענומען פאָלגענדע בעשליסע :

„וועגען דיא אָרגאניזאציאָן פון דעם אידישען לעבען אין דיא גלות לענדער. — ביז דיא אידישע פאָלק וועט האָבען איין אייגען לאנד, וועלכע עס וועט קענען אויפנעהמען דיא גאנצע אידישע בעפעלקערונג פון דער וועלט און כל זמן טהיילען פון איהם וועלען בלייבען אין גלות וועלען דיא ס. ר. ט. אומעטום פערלאנגען און אבהיטען ניט נאָר בירגערליכע און פאָליטישע גלייכע רעכטע, נור אויך דאס רעכט פון דער אידישער נאציאָנאליטעט אויף א נאציאָנאלע און וואו עס איז נור מעגליך, אויף א טערי־טאָריאלע אווטאָנאָמיע.

דיא נאציאָנאלע אווטאָנאָמיע דארף זיך אויסדריקען ערשטענס אין דער גלייכבערעכטיגונג פון דער אידי־שער שפראך אין די געגענדען וואו דיא אידען וואָהנען און צווייטענס אין דער שאפפונג פון א ריין־אידישען שטענדיגען קאָנגרעסס וואָס זאָל זיין אויסגעוועהלט פון דעם גאנצען אידישען פאָלק דורך אלגעמיינע גלייכע געהיימע און דירעקטע וואהלען פון מענער און פרויען און וואָס זאָל האָבען דיא געזעצליכע מאכט צו פיהרען דאָס גאנצע לעבען פון דעם אידי־שען פאָלק. עפענען שולען, אוניווערזיטעטען, מוזעען, אָרגאניזירען

דאָס אידישע רעכטסוועזען אין דיא גרענצען פון דער אלגעמיינער געזעצגעבונג פון דעם לאַנד, קויפען גיטער און פערוואלטען זיי און אזוי ווייטער.

די טעריטאָריאלע אויטאָנאָמיע זאָל בע־שטעהן אין דעם, וואס דאס אידישע פאָלק פון יעדען לאַנד זאָל וואָהנען קאָנצענטרירט אין איין געגענד, וואו אידען זאָלען זיין דאָס רוב פון דער גאַנצער בעפעלקערונג פון דעם געגענד, און דורך דעם האָבען דיא מעגליכקייט איינצופיהרען אין לעבען א אידישע געזעצגעבונג, אין דיא גרענצען פון דער אלגעמיינער געזעצגעבונג פון דעם לאַנד."

(דאָס פאָלק נומער 3.)

לעזענדיג דיעזע און ענליכע רעזאָלוציאָנען האָב איך בעשלאָ־סען צו שרייבען אויספיהרליך וועגען דעם 1) אויב דיא אידען זיינען א נאציאָן; 2) אויב זיי האָבען א שפראכע וועלכע זיי קענען בענוצען „גאראַנטירט דורכ'ן געזעץ"; 3) איבער דער זאָגענאנטער „אידישער קולטור"; 4) דיא געפאהרען פון דיעזע טהעאָריען.

איך האָף דאָס דיא יעניגע וועלכע וועלען עס געפינען פאר נעטהיג צו ענטפערן און קריטיקירען מיין ביכעל וועלען טהוען זייער בעסטעס צו שרייבען אין דעם זעלבען טאָן, מיט דער זעלבער אבזיכט מיט וועלכער איך האָב געשריעבען — צו לייזען א וויכטיגע פראגע. פערזענליכע אנגריפע, זידלערייען א. ד. גל. בעדארפען אין אזעלכע פעלע ניט בענוצט ווערען; בעשולדיגען א שרייבער דאָס ער איז איין עוכר ישראל, א'ן אנטיסעמיט א. ד. גל. וועט ניט איבערצייגען דעם לעזער דאָס ער איז אונגערעכט. רוהיגע, שכל'דיגע און עהר־ליכע ארגומענטען וועלען מיר זיין ווילקאָמען.

דער פערפאַסער.

ניו יאָרק, פעברואר, 1906.

ערשטער אַבשניט.

דער אידישער נאַציאָנאַליזמוס.

די „אידישע“ און „סעמיטישע“ ראססע.

די ציוניסטען, טעריטאָריאַליסטען און די סאָציאַליסטישע־אנארכיסטישע־נאציאָנאַליסטען זאָגען אונז דאָס עס איז זעהר וויכטיג אויפצוהאַלטען די אידישע ראססע, דאָס אידישע פאָלק, די אידישע נאציאָן. דער איינציגער וועג צו פערהיטען די אידען פון אזעלכע גרויזאמע הריגות, אזעלכע אונבארמהערציגע פערפאָלגונגען, וויא מיר האָבען זיך אויסגעשטאנען אין פערלויף פון אונזער צוויי טויזענד יעהריגען גלות, איז זיך אומצוקערען קיין פאלעסטינא, און דאָרטען גרינדען א רעגיערונג פאַר דער אידישער נאציאָן; די טעריטאָריאליסטען זאָגען אז דאָס אידישע פאָלק בעדאַרף ניט אויסשליסליך האָבען פאַלעסטינא. יעדעס לאנד, וואו מיר קענען נאָר קריגען אויטאָנאָמיע, וואו מיר קענען זיך אליין רעגירען וועט זיין גוט גענוג, אזוי לאנג די אידישע נאציאָן וועט זיך קענען לעבען אונטער אן אייגענע רעגירונג, איין אייגענע נאציאָנאלע קולטור, איין אייגענע נאציאָנאלע ציוויליזאציאָן.

דאָס אלעס זאָגט מען פאָראויסזעצענדיג דאָס די אידען זיינען א ראססע, א נאציאָן אָדער א פאָלק. איז דאָס אָבער אמת? זיינען די אידען א ראססע? זיינען די אידען א נאציאָן? זיינען די אידען א פאָלק?

דאָס וועלען מיר רוהיג בעטראכטען כסדר.

זיינען דיא אידען אַ ריינע ראססע?

צוויי פּאַרטייען האָבען בעשולדיגט (איך זאָג אבזיכטליך בעשולדיגט) דיא אידען דאָס זיי זיינען אַ ריינע ראַסע. דיא ערשטע פּאַרטיי איז בעשטאַנען פון פיעלע געלעהרטע אידען וועלכע זיינען שטאָלץ אויף זייער אבשטאַמונג, זיינען שטאָלץ דארויף דאָס זיי זיינען אייניקלאך פון אברהם, יצחק און יעקב; דעריבער זיינען זיי איין „אויסערוועהלטעס" פאָלק פון גאָט. פיעלע קייזערליכע פאַמיליעס שטרעבען מיט אַלע מעגליכקייטען צו ערהאַלטען זייער „בלויע בלוט" ריין און ערלויבען ניט זייערע קינדער צו הייראַטהען מיט פּראָכטען המון, אום צו קענען אימער מיט שטאָלץ אָנצייגען דאָס זיי זיינען גאָט'ס ערוועהלטע צו רעגיערען דאָס פאָלק, וועלכע האָט בלויז „רויטע בלוט". דיא אידען האָבען זיך פונקט אַזוי געהאַלטען פאר ריין בלוטיגע אתה בחרתנו'קעס. זיי זאָגען דאָס זייט אברהם אבינו זיינען זיי פערבליבען ריין און זיך קיינמאָל ניט פערמישט מיט אנדערע פעלקער.

דיעזער יחוס בריעף וואָלט געווען זעהר שיין, אָבוואָהל אין מאָדערנע צייטען איז אָבשטאַמונג ניט שטארק וויכטיג אחוץ פאר קייזערליכע פאַמיליעס. זיינען אָבער געקומען דיא אַנטיסעמיטען, דיא צווייטע פּאַרטיי, און האָבען אויך געזאָגט: דיא אידען זיינען אַ ריינע „סעמיטישע ראַסע" און עס איז דאָך ידוע, דאָס דיא אייראָפּעער ראַסען שטעהען העכער פאר דער סעמיטישער ראַסע, וועלכע איז אַ פרעמדע מכה אין אייראָפּאַ, פאר וועלכע מען מוז מורא האָבען, און מען מוז אונטערדריקען.

דיא ראַסען פראַגע אין אייראָפּאַ האָט זיך אין פערלויף פון דיא לעצטע 50 יאָהר ענטוויקעלט אונגעפעהר אויף אַזא'ן אופן: נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן איז אין וועסט אייראָפּאַ געוואָרען אַ מנהג צו קוקען אויף אַ קייזער ניט וויא אויף אַ גאָט'ס געזאַלבטען, און אויף פּרינצען, מאַרקיזען, און אנדערע איידעלע חברה, ניט וויא אויף געטליכע בעשעפענישען, נאָר וויא אויף

פראסטע בשר ודם׳ניקעס. דיא וויכענשאפט האט אויפגעבליהט אין נייִנצעהנטען יאהרהונדערט און איינער פון דיא וויכטיגסטע רעזולטאטען פון דער פאלקסבילדונג, איז געווען דאס פרייהייט פון געוויסען; פרייהייט פון רעליגיאן איז געווארען א מאטא אין מויל פון אלע געלעהרטע, און מען האט דאס מעהר אדער וועניגער אויסגעפיהרט אין דיא מעהרסטע איירָאפעאישע לענדער (חוץ רוסלאנד און טירקיי) דיעזע פרייהייטען האבען זעהר פיעל מיט־געהאלפען דיא אידען אין איירָאפא. אין דייטשלאנד, פראנקרייך, ענגלאנד, איטאליען, בעלגיען, שווייצערלאנד א. ז. וו. האבען דיא אידען אויפגעבליהט פון עקאנאמישען און סאציאלען שטאנדפונקט שטעהענדיג אונטער דעם שוץ פון פרייהייט פון רעליגיאן.

אין דער זעלבער צייט האט זיך ענטוויקעלט א נייע לעהרע אין איירָאפא. מען האט שוין ניט מעהר געקענט פערפאלגען דיא אידען ווייל זיי געהען ניט אין קירכע. דאס פאסט ניט פאר דעם נייִנצעהנטען יאהרהונדערט, דאס האט מען נור געקענט טהון אין מיטעלאלטער. אידען געהען אין סינאגאגע איז גאנץ שעהן, יעדער האט דאך א רעכט גאט צו בעטען וויא ער פערשטעהט. דאפיר האט מען דיא אידען ניט מעהר פערפאלגט. נור איין זאך האט דיא „וויסענשאפט" ענטדעקט — דיא אידען שטאמען פון דער סעמיטישער ראסע, וועלכע איז א פרעמדע אין איירָאפא, איז געפעהרליך פאר דעם איירָאפעער, און מוז בעקעמפפט ווערען. אזוי איז ענטשטאנדען דער אנטי־סעמיטיזמוס, וועלכער פער־פאלגט אידען אויף א „וויסענשאפטליכען" אופן.

ערנעסט רענאן איז געווען איינער פון דיא ערשטע, וועלכער האט אנגעצייגט דאס דיא אידען זיינען געפעהרליכע סעמיטען. אין זיין געשיכטע פון דיא סעמיטישע שפראכען דערמאנט ער דאס דיא סעמיטען זיינען א ניעדריגע ראסע; (אבוואהל שפעטער האט ער אליין עס אבגעלייקענט אין א ספעציעלען בוך איבער דער ראסענפראגע פון דיא אידען.) אז דיא אידען האבען קיינמאל ניט פערשטאנען דאס ווארט ציוויליזאציאן אין דעם זינן וואס „מיר" (מיינענדיג דיא

איירָאפּעער) פּערשטעהען עס. זיי זיינען קיינמאָל ניט פאר טובות הכלל, זיי זיינען עגאָאיסטיש, האָבען נאָר זיך אליין ליעב. זייער מאָנאָמאַנהעאיזם מאכט זיי פאנאטיש און פיינדליך פון יעדען סאָרט פּאָרטשריט. דאָס האָבען אנדערע געלעהרטע, איבערהויפּט אין דייטשלאנד, אויפגעכאפּט, צוטראָגען אויף טעלער, און ווייטער ער־קלערט דאָס דיא אידען זיינען ניט נאָר א רעליגיעזע גרופּע מענשען, נאָר א צווייג פון דער סעמיטישער ראסע. דער איירָאפּעער פיהלט אינסטינקטיוו דאָס דער איד איז א פרעמדער, איין אזיאט. דיא פּאָראורטהיילע געגען אידען זיינען נאטירליך. א ציוויליזירטען מענשען הארט ניט דאָס דער איד גלויבט ניט אין קריסטענטהום, דאָס איז א קליינינגקייט, א פּריוואטזאכע פאר א פרייהייטס־ליעבענ־דען איירָאפּעער, נאָר ער קען זיך ניט צוזאמען קומען מיט דעם אידען, וועלכער שטאמט פון דער סעמיטישער ראסע. דער איד איז אן עגאָאיסט, א פּייגלינג, קען קיינמאָל ניט ווערען א פּאטריאָט אין דעם לאנד וואָס ער וואָהנט און פערשטעהט ניט, וויא אזוי א מענש קען זיך אויפאָפּפערען פאר זיין פאטערלאנד.

איינער פון דיא לעצטע אנטיסעמיטען וועלכע האָבען געשרי־בען איבער דער ראסענפראגע אין איירָאפּא איז א געוויסער טשעימבערליין. אין זיין בוך „דיא גרונדלאגען דעם נייג־צעהנטען יאהרהונדערטס", בעמיהט ער זיך צו „בעווייזען" דאָס דער גאנצער פּראָצעס פון דער געשיכטע איז געווען א קאמפּף צווישען איירָאפּעער (אריער) און סעמיטען איבערהויפּט אידען. פון דער סעמיטישער ראסע קען קיין גוטס ניט ארויסקומען, זאָגט טשעימבערליין און ברענגט סאָפיסטישע ארגומענטען צו בעווייזען, דאָס זאָגאר יעזוס איז ניט געווען פון אידישער, אָדער סעמי־טישער אבשטאמונג. מיר וואָלטען איהם געקענט מוחל זיין יעזוס'ן, זאָל ער זיך מיט איהם האלטען; ווען ער לייקענט אבער אָב פיעלע אנדערע אידישע געלעהרטע דאָס זיי שטאמען פון אידען, און ווען ער זאָגט דאָס אידען זיינען א געפעהרליכע ראסע, דאן מוז מען ניט שווייגען. עס איז זעלבסטפערשטענדליך דאָס דיא אידישע פרעסע אין דייטשלאנד האָט פערענטפערט דיא

אידען און „בעוויזען" דאָס יעזוס איז געווען א סעמיט, און דאָס די אידישע ראסע איז אויך א גוטע, א פיינע.

אָט דאָס איז דער מאָדערנער „וויסענשאפטליכער" אנטיסעמיטיזמוס!

וואָס זאָגט אָבער די מאָדערנע וויסענשאפט?

די מאָדערנע אנטהראָפּאָלאָגיע און עטהנאָלאָגיע בעווייזען מיט אותות ומופתים דאָס די אידען אין איראָפּא זיינען ניט קיין ריינע ראסע, דאָס מעהרסטע אידען זיינען גאָר ניט קיין סעמיטען. א גרויסע צאָהל אידען אין רוסלאנד זיינען פיזיש אָדער קערפּערליך געבויט פונקט וויא די רוסען, אין עסטרייך וויא די פּעלקער אין דיעזען לאנד; אין דייטשלאנד וויא די גערמאנען א. ז. וו. עס זיינען אויך פאראן שווארצע אידען אין אינדיען, וועלכע מען קען ניט אונטערשיידען פון די איינגעבאָרענע הינדוס, און נעגער אידען אין אביסיניען; אין קאווקאז קען מען ניט אונטערשיידען דעם אידען פון די טשערקעסען, אָסעטינער און ארמעניער; אין אלזשיר און טונים זיינען די אידען פונקט אזוי וויא די אראבער און קאבילען. נאָך מעהר, 30 פּראָצענט אידען האָבען בלאָנדע האָר און 50 פּראָצ. האָבען העלע אויגען. ווען אידען זאָלען זיין א ריינע סעמיטישע ראסע, וואָלטען זיי אללע געהאט טונקעלע האָר און אויגען. דער שעדעל פון איראָפּעאישען אידען איז גראָדע אזוי געבויט וויא דער שעדעל פון די איראָפּעער אין די לענדער, וואו די אידען וואָהנען. דיעזע און נאָך פיעלע אנדערע בעווייזע ווערען יעצט געבראכט פון פערשיעדענע וויסענשאפטס מענער דאָס די אידען זיינען ניט קיין ריינע ראסע. (*)

עס איז וואונדערבאר וויא אימער ווען פעלקער האָבען א סכסוך צווישען זיך, איז דער איד דאָס כפרה הינדעל. פיעלע

*) די „אידישע" נאז וועלכע מען רעכענט פאַר אויזגעם פון די בעסטע צייכענס צו דערקענען א אידען פעהלט אויך ביי מעהרסטע אידען. בלויז 14 פּראצענט פון די ניו יארקער אידען האבען „אידישע" נעז. ד. ה. אז 600,000 פון די 700,000 אידען וואס געפינען זיך אין ניו

דייטשען האלטען פון זייערע „גערמאנישער“ ראכע זעהר פיעל, און דיינקען דאָס א דייטש איז בראוו, א דייטש איז עהרליך, א דייטש איז גוט א. ז. וו. דיא פראנצויזען, זאָגען זיי, זיינען ניט פון דער גערמאנישער ראסע, דאריבער זיינען דיא פראנצויזען שלעכט און ניעדעריג. דיא פראנצויזען שווייגען אויך ניט: זיי „בעוויזען“ דאָס דיא דייטשען זיינען גאָר ניט קיין „גערמאנען“, דאָס דיא דייטשען האָבען ניט פיעל בלאָנדע מענשען און דאָס דיא מעהרסטע איינוואָהנער, איבערהויפּט אין דרום דייטשלאַנד זיינען ברונעטען. דער בעריהמטער געלעהרטער קאַטערפאזש האָט גע־שריבען א בוך באלד נאָך דער פראנצויזיש־פּרייסישער קריעג בע־וויזענדיג דאָס דיא מעהרסטע דייטשען זיינען גאָר „סלאווען“, ד. ה. אזיאטען, פרעמדע אין אייראָפּא און זיינען פיינדליך צו יע־דער ארט ציוויליזאציאָן און פאָרטשריט. דיא פראנצויזישע רע־גיערונג האָט אויף איינענעם רעכנונג איבערזעצט דיזע בראָשורע אין מעהרסטע אייראָפּעאישע שפּראכען און זי שטארק פערברייטעט אין אללע לענדער. דיא דייטשען האָבען אויך ניט געשוויגען און „בעוויזען“ אז זיי זיינען גוטע אייראָפּעער און דאָס דיא פראנצויזען זיינען כל בו'ניקעס, שטאמען פון גאָאולס, א מיאוס'ע, אָבשייליכע ראסע.

אין ענגלאנד האָט זיך דיעזער סאָרט ראסענלעהרע אויך פער־בריטעט: דיא ענגלענדער האלטען זיך פאר אן עדלער ראכע — אנגלאָסאקסאָנס. דיא איירישע זיינען „צעלטען“, א נידריגערע ראסע, מעג מען זיי פערפאָלגען. דיא איירישע שווייגען ניט: זיי זאָגען דאָס זיי זיינען שטאָלץ דארויף, וואָס זיי זיינען „צעלטען“ און האלטען דעריבער פון זיך זעהר. זיי בעשולדיגען דיא „אנגלאָ־סאקסאָנס“ אלס א שלעכטע גרויזאמע ראסע, מענשען אָהן א הארץ,

יארק האבען ניט קיין „אידישע“ נעזער. צווישען דיא ארמעניער, גרעקען און פיעלע קאווקאזישע פעלקער, צ. ב. ש. די טשערקעסען, אסעטינער א. ד. גל. געפינט מען פיעל מעהר „אידישע“ נעזער וויא ביי אידען.

אָהן רחמנות א. ז. וו. אין רוסלאנד מיינען פיעלע רוסען דאָס דיא בעסטע ראסע איז דיא סלאווישע און דיא פאנסלאוויכטען זיינען איבערצייגט דאָס דיא סלאווען זיינען בעשטימט צו רעגיערען דיא וועלט. אללע אנדערע ראסען — דיא גערמאנען, סעמיטען, א. ד. ג. זיינען ניט ווערט צו לעבען אויף דער וועלט.

ווען אלע אייראָפּעאישע נאציאָנען קריגען זיך איבער דער ראסענפראגע מאכט ניט אויס. דער איינציגער רעזולטאט פון זייער מחלוקה איז, דאָס פיעלע אונוויסענדע דילעטאנטען האָבען געשריבען ביכער בראָשורען און ארטיקלען. ווען זיי נעהמען זיך אָבער דיסקוטירען איבער דער סעמיטישער ראסע איז צרות פאר דיא אידען. דער מאָדערנער „וויסענשאפטליכער" אַנטיסעמיטיזמוס איז דער רעזולטאט פון דער ראסען דיסקוסיאָן אין אייראָפּא.

עס איז וואונדערבאר דאָס זאָגאר דיא סאָציאליכטען אין אייראָפּא זיינען יעצט פערבלענדעט מיט דער ראסען פראגע. אמאָל איז ביסמארק געווען דער גאָט פון שאָוויניזמוס *) אין דייטשלאנד. „מיר זיינען גערמאנען און מיר מוזען עס ניט פערגעסען". האָט ער געזאָגט. יעצט אָבער זאָגען דיא דייטשע סאָציאליסטען אויך דאָס דיא דייטשען זיינען מיוחסים, און זיינען נישט צופריעדען מיט דיא פראנצויזישע סאָציאליסטען. איינינע צייטשריפטען

---

*) דאס ווארט „שאָוויניזם" שטאַמט פון ניקאלאַס שאוויז, איינער פון נאַפּאלעאָן'ס סאלדאַטען וועלכער האט זעהר פיעל געלויבט זיין קיסר אלס דעם בעסטען און גרעסטען אין דער וועלט. דער גרויסער אקטיאר אין יענער צייט קאָניאַרד האט דיעזען שאוויז פאָרגעשטעלט אויף דער ביהנע און פון איהם געמאַכט א זעהר לעכערליכען טיפּ.. זייט דאמאלס איז „שאוויניזמוס" געווארען א בעקאַנטעס ווארט וואס בעצייכענט דיא מיינונגען פון פיעלע מענשען וועלכע לויבען זייער אייגען לאנד, זייער אייגענע ראַסע, זייער אייגענע נאַציאָן. דאס ענגלישע ווארט „דזשינגאָאיזם" האט, אין א געוויסען זינן, דיזעלבע בעדייטונג.

איבער דער ראסענפראגע האָבען אלס טיכטיגע מיטארבייטער דייטשע סאָציאליסטען.

אין פערלויף פון דיא לעצטע צוואנציג יאָהר האָבען דיא ציוניסטען אָנגעהויבען נאָכצומאכען דיא קריסטען אין אייראָפּא. זיי האָבען זיך אנגעאייגנעט דעם שאָוויניזמוס, וועלכער האָט זיך שטארק ענטוויקלט צווישען דיא סלאווען, דייטשען, פראנצויזען, ענגלענדער און אמעריקאנער. דיא אידישע שאָוויניסטען שרייען אויך „מיר אידען זיינען א ריינע ראסע, א גוטע ראסע, דיא בעסטע אין דער וועלט און מיר מוזען אלעס טהון צו ערהאלטען אונזער ראסע גאנץ ריין.“ (דאָס שטערט ניט פיעלע פון דיא פיהרערס פון ציוניזמוס צו פעראומרייניגען דיא אידישע ראסע דערמיט וואָס זיי הייראטען קריסטליכע פרויען) זיי שרייען דאָס דיא אידען קע־נען ניט צוזאמען לעבען מיט קריסטען, מיט אייראָפּעער, דאָס דיא אידען האָבען אייגענע בעגריפע פון לעבען, אייגענע מנהגים און אייגענע וועלטאנשויאונגען, וועלכע זיינען ניט אזעלכע וויא דיא אייראָפּעער האָבען. אין אנדערע ווערטער — דיא אידען זיינען פרעמדע אין אייראָפּא, און דאָס זיי קענען נאָר גליקליך לע־בען אין זייער אייגען לאנד, אין ציון.

וואָס איז דער רעזולטאט פון דיזער ציוניסטישער אגיטא־ציאָן? אנטיסעמיטישע שריפטען ציטירען יעצט דיא ציו־ניסטען, וועלכע ווייזען אָן, דאָס דער איד קען זיך ניט צו־זאמענלעבען מיט דעם קריסט, דאָס דער איד איז עפּעס אַן אנדער מין בעשעפעניש, ווען פערגליכען מיט׳ן אייראָפּעער.

דאָ אין אמעריקא שרייען אלע דיא יעניגע וועלכע זיינען גע־גען דיא איינוואנדערונג פון דיא אידען, דאָס זעלבע. „שטייט“, זאָגען זיי, „דיא אידען זיינען א פרעמדע ראסע, וועלכע קען ניט לעבען צוזאמען מיט קריסטען, קען זיך ניט אסימילירען. מיר האָבען גענוג צו טהון מיט אונזערע אייגענע ראסענפראגע (דיא נעגערס) וואָס דארפען מיר נאָך האָבען אנדערע ראסען, וואָס קענען ניט ווערען קיין גוטע סיטיזענס?“ אָט אזוי אַגיטירט מען גע־

גען אידישע עמיגראציאָן מיט ציוניסטישע ארגומענטען. (*

די מאָדערנע וויסענשאפט בעווייזט, דאָס די אייראָפּעאישע אידען זיינען אייראָפּעער. די מעהרסטע זיינען אָבגעזונדערט פון די קריסטען ניט ווייל זיי שטאמען פון אן אָבשייליכער ראסע, נאָר ווייל זיי האָבען אן אנדערע רעליגיאָן, ווייל זיי געהען ניט אין קירכע, ווייל זיי עסען ניט קיין טריפה א. ז. וו. אויסער רעליגיאָן קען די וויכענשאפט ניט ענטדעקען קיין אונטערשיעד צווישען אידען און קריסטען אין אייראָפּא און אמעריקא. אללע זיינען פון דער קאווקאזישער ראסע.

זיינען די אידען א פאָלק אָדער א נאַציאָן?

אמת, זאָגען איינינע ציוניסטען און מעהרסטע טעריטאָריאַליסטען, די אידען זיינען ניט קיין ריינע ראסע, דאָס וויסען מיר. מיר זיינען אבער א פאָלק, א נאציאָן, און אלס אזעלכע זיינען מיר בערעכטיגט צו ענטוויקלען אונזער נאציאָנאלען און פאָלקסטהימליכען זשעניע און קולטור. עס זיינען יעצט גאָר ניטאָ קיין ריינע ראסען. בעשטעהט דאָס ענגלישע פאָלק פון אנגלאָ־סאקסאָנס? איז ניט עסטרייך א לאנד וואו פונפצעהן נאציאָנען לעבען צוזאמען? און די אמעריקאנער נאציאָן? זיינען ניט די אמעריקאנער צוזאמענגעשטעלט פון כמעט אלע ראסען עלעמענטען אין דער וועלט?

אמת, דארין האָבען די נאציאָנאליסטען רעכט, נאציאָנען

---

*) צוריק מיט פופציג יאהר האבען די אַמעריקאַנער אגיטירט געגען די אירישע איינוואַנדערער מיט דיזעלבע ארגומענטען. די געזעלשאַפט וועלכע איז בעקאַנט אונטער דעם נאמען „א. פּ. א.“ האט דאמאלס געמאַכט געוואַלדען דאס די אירישע זיינען „צעלטען“ און קענען ניט צוזאַמענלעבען מיט אַזאַ פיינער ראַסע וויא די אַמעריקאַנער, און מען דאַרף זיי אויסשליסען. יעצט בענוצען זיי פּונקט דיזעלבע אַרגומענטען געגען אידען און איטאַליענער.

בעשטעהען ניט אויסשליסליך פון ריינע ראסען. זיינען אבער דיא אידען א נאציאָן? זיינען דיא אידען א פאָלק? לאָמיר בע־טראכטען.

דעם בעסטען בעגריפסבעשטימונג (Definition) פון דיא ווערטער „פאָלק“ און „נאציאָן“ גיבט די „סטאנדארד דיקשיאָנערי“. א פאָלק (People) הייסט דאָרטען זיינען „אלע מענשען וואָס לעבען אונטער דער זעלבער רעגיערונג, רעדען דיא זעלבע שפראכע, אָדער זיינען פון דעם זעלבען בלוט“. דאָס וואָרט פאָלק ווערט בענוצט ווען אנדערע געוויערע ווערטער ווי ראסע, שטאם, נאציאָן אָדער שפראכע וואָלט ניט געווען ריכטיג. מען קען צום ביישפיעל ניט זאָגען דיא ענגלישע ראסע, דער פראנצויזי־שער שטאם, א. ד. גל., ווייל עס זיינען פאראן פיעלע ראסען אין ענגלאנד און פראנקרייך. וויא מיר וועלען שפעטער זעהען זיינען אידען ניט קיין „אידישעס“ פאָלק אונטער דיעזען בעגריפס־בעשטי־מונג פון וואָרט. דיא אידען ווערען רעגיערט פון דער רעגיערונג פון לאנד וואו זיי וואָהנען, און רעדען דיא שפראכע וואָס זייערע ניט אידישע שכנים רעדען. דיא רוסישע אידען זיינען פאָלגליך א טהייל פון רוסישען פאָלק, דיא דייטשע פון דייטשען פאָלק; דיא פראנצויזישע פון פראנצויזישען פאָלק; דיא אמעריקאנישע פון אמעריקאנישען פאָלק, א. ז. וו.

אויב דיא אידען זיינען ניט קיין פאָלק, דאָך זיינען זיי א נאציאָן, זאָגען דיא נאציאָנאליסטען. וואָס איז א נאציאָן? דיא זעלבע „סטאנדארד דיקשיאָנערי“ זאָגט דאָס א נאציאָן איז „א פאָלק אָדער געמיינדע פעראייניגט צוזא־מען און אָרגאניזירט אונטער איין בירגערליכע רעגיערונג און וואָהנענ געוועהנליך צוזאמען אין א בעשטימטען לאנד.“ אונטער דיעזען בעגריף פון וואָרט זיינען דיא אידען א נאציאָן? לעבען זיי צוזאמען אונטער איין רעגיערונג אין א בעשטימטען לאנד? געוויס ניט, וועלען אפילו דיא הייסעסטע

נאציאָנאליסטען ענטפערן. דיא אידען וואָהנען אין אלע לענדער אין אלע וועלטטהיילען, אונטער אלע רעגיערונגען. פאָלגליך איז ניט פאראן קיין אידישע נאציאָן.

דאָס איז אמת מיט דיא אידען אין פרייע לענדער וויא דיא פעראייניגטע שטאאטען, ענגלאנד, פראנקרייך, איטאליען, בעלגיען, דייטשלאנד א. ד. גל. אין דיעזע לענדער זיינען דיא אידען א טהייל פון דיא נאציאָנען אונטער וועלכע זיי וואָהנען. ווען מיר רעדען אָבער וועגען דיא אידען אין האלב־אָריענטאלישע און בארבארישע לענדער שטעהט דיא זאך אביסעל אנדערש. לאָמיר צום ביישפיעל נעהמען דיא מאהאָמעדאנישע לענדער — טירקיי, פערסיען און מאָראָקקאָ. אין דיעזע לענדער איז דיא נאציאָן ניט א נאציאָן דערפאר, ווייל זיי זיינען אָרגאניזירט אונטער איין בירגערליכע רעגיערונג. דיא טערקען רופען איינעם א „טערק" נור ווען ער איז א מאהאָמעדאנער, און דער סולטאן איז דער הויפטלינג פון אלע מאהאָמעדאנער. א קריסט קען ניט בעטראכט ווערען אלס טערק, א איד אויך ניט, פון אָריענטאלישען שטאנדפונקט, ווייל דיא רעגיערונג און דיא רעליגיאָן איז דאָרטען איינס און דאָס זעלבע. רוסלאנד איז ניט בעסער אין דיעזער הינזיכט. דיא קירכע איז א טהייל פון דער רעגיערונג, און א רוס קען ניט בעגרייפען איינעם אלס רוס ווען ער איז ניט א מיטגליעד פון דער פראוואָסלאוונער קירכע. ווער ווייסט עס ניט דאָס אלע וואָס גלויבען ניט אין פראוואָסלאוויע ווערען אין רוסלאנד גערופען „אינאָראָדצי" פרעמד־געבאָרענע? דיא רוסען קוקען אזוי אויף זייערע אייגענע ברידער וואָס געהען ניט אין דער שטאאטס־קירכע און פערפאָלגען זיי גראדע אזוי אונבארמהערציג וויא דיא אידען. אזוי האָט מען אין רוסלאנד פערפאָלגט דיא שטונדיסטען, דיא דוכאָבאָרצעס, דיא סקאפצעס, א. ד. גל. דיא אידען אין אָריענטאלישע לענדער רעכנען זיך פאר א נאציאָן, און דיא רעגיערונגען אין דיעזע לענדער בעהאנדלען זיי אלס „פרעמדע", אלס אזעלכע וועלכע גלויבען ניט אין דער זעלבער רעליגיאָן וויא דיא רעגיערענדע נאציאָן. איך וועל נעהמען רוסלאנד אלס ביישפיעל, ווייל רוסלאנד איז עד היום

נאך פערבליבען האלב־אריענטאליש — דיא רעגיערונג און דיא קירכע זיינען צוזאמענגעבונדען.

דיא ארטהאדאקסישע אידען אין רוסלאנד (גאליציען און רומעניען) זיינען צווישען זיך שטארק צוזאמענגעבונדען און אבגעזונדערט פון דער קריסטליכער בעפעלקערונג. זיי רעדען אידיש, ניט דיא שפראכע וועלכע ווערט בענוצט פון דיא קריסטען; זיי האבען איין אנדערע רעליגיאן, ארבייטען זונטאג ווען אלע אנדערע רוהען, און רוהען שבת ווען אלע אנדערע ארבייטען; זיי עסען ניט דיא שפייזען וואס דיא אלגעמיינע בעפעלקערונג עסט און האבען מנהגים און זיטטען וועלכע דיא קריסטען האבען ניט. *) נאך מעהר

*) דער אונטערשיעד צווישען אידישע און קריסטליכע שפייזען בעשטעהט מעהרסטענטהיילס אין חלכות כשר. מעהרסטענטהיילס האבען זיך די אידען אזוי אסימילירט אין אלע לענדער, דאס זיי עסען פונקט דיא זעלבע שפייזען וויא זייערע ניט אידישע שכנים. אין רוסלאנד עסען די אידען קאשא, ווארעניקעס א. ד. ג.; אין רומעניען מאמאליגא, לאפטעאקרע, ברינזע, א. ז. וו.; אין אונגארן פאפריקא, גולאש א. ז. וו.; אין מאראקא, אלזשעריען און טונים קוש־קוש. אלע דיזע שפייזען זיינען דיא שפייזען פון דער אלגעמיינער בעפעלקערונג פון לאנד. דיא קליידער פון דיא אידען אין פערשיעדענע לענדער ווייזען אויך דאס דיא אידען האבען זיך אסימילירט: דאס שטריימעל, דיא קאפאטע און דיא שיך און זאקען פון דיא פוילישע און גאליצישע אידען זיינען ניט „אידיש“. זיי זיינען פוילישע קליידער פון מיטעלאלטער. אין מערב איירופא און אמעריקא טראגען אידען מאדערנע אייראפעאישע קליידער; אין אריענטאלישע לענדער בעקליידען זיך דיא אידען מיט דיזעלבע בגדים וואס זייערע אריענטאלישע שכנים. דאס אלעס איז וויכטיג צו געדענקען: דער איד האט זיך אימער אסימילירט, ווען מען האט איהם נור צורוה געלאזט און ווען דיא אנטיסעמיטען און אידישע נאציאנאליסטען זאגען דאס ער קען זיך ניט אסימילירען, בעווייזען זיי דאס זיי האבען ניט שטודירט דעם אידען פון עטהנאגראפישען שטאנדפונקט.

אבוואהל זיי לעבען אונטער דער אלגעמיינער בירגערליכער רעגיע־
רונג, דאָך טהוען זיי אלעס מעגליכעס זיך זעלבסט צו רעגירען.
דיא דינים ווענען הייראטה און שיידונג האבען זיי זייער אייגענע
און ווען מעגליך סעטלען זיי זייערע סכסוכים ניט אין דיא בירגער־
ליכע געריכטס־הייזער, נאָר ביי דיא רבנים, ביים בית דין. אלע
דיעזע אייגענשאפטען זיינען גענוג זיי אבצוטהיילען פון אלגעמיינעם
פאָלק — זיי זיינען איין אייגענע נאציאָן. ווילען דאָך אבער דיא
אידען? קעמפפען דען ניט יעצט אונזערע רוסישע אידען מיט'ן
לעצטען טראָפען בלוט צו בעפרייען דיא אידען פון דיעזען געצוואונ־
גענעם נאציאָנאליזמוס? זיינען ניט אין דיא לעצטע פאָר יאהר
געפאלען הונדערטע, ניין טויזענדע אידישע קרבנות אויפ'ן פעלד פון
דער רוסישער רעוואָלוציאָן אום צו בעפרייען דיא אידען פון דער
רוסישער „טשערטא אָסיעדלאסטי" און זיי געבען דאָס רעכט
צו וואָהנען איבער גאנץ רוסלאנד, זיין אונטערוואַרפען דיזעלבע
געזעצע וויא דיא איבריגע איינוואָהנער פון לאנד? איז עס ניט
אמת, אז דיא רוסישע שפראכע ווערט יעצט בענוצט פון מעהרסטע
אידישע יונגע לייט אין דיא גרויסע שטעדט פון רוסלאנד און דאָס
ווען דיא אידען זאָלען קריגען גלייכע רעכטע, און אלע פאָלקסשולען
זאָלען זיין אָפען פאר זיי אזוי וויא פאר דיא קריסטען, וואָלטען זיי
אין א קורצער צייט אלע בענוצט רוסיש אלס זייער אומגאנגס־
שפראכע? דעם בעווייז האָבען מיר אין ענגלאנד און אמעריקא.
דיזעלבע אידען וואָס האָבען אין רוסלאנד נאָר גערעדט אידיש
לערנען דיא קינדער מעהרסטענטהיילס ענגליש, און דער זשארגאָן
פערשווינדעט אין צוויי דורות.

איך וויל נאָך אמאָל בעטאָנען דאָס אין פרייע לענדער וואו
דיא קירכע און דער שטאאט זיינען ניט איינג פערבונדען, האָבען
דיא אידישע איינוואָהנער ניט קיינע פון דיא אייגענשאפטען פון א
בעזונדערע נאציאָן: מעהרסטע אידען אין אמעריקא, ענגלאנד,
פראנקרייך, דייטשלאנד, איטאליען רוהען אם זונטאג און ארבייטען
שבת; דיא קריסטליכע רעסטאָראנס זיינען פול מיט אידען
וועלכע זיינען ניט מקפיד אויף העם סענדוויטשעס, איכטערס,

ראקעם און אנדערע טריפה'נע מאכלים; אין דיא אידישע רעסטאָ־ראנס אין גרענד סטריט איז מען ניט זעהר „פארטיקולאר" וועגען כשרות און פסח עסען דיא אידען חמץ בפרהסיא; זיי הייראטהען אין געריכטס־הויז אָהן א רב, און שיידען זיך אין געריכטס־הייזער; אין פיעלע לענדער הייראטהען זיי מיט קריסטען, וויא איך וועל שפעטער בעווייזען. אין אמעריקא זעהען מיר יעצט דעם אנפאנג פון דער זעלבער ערשיינונג צווישען דיא אידישע עמיגראנטען. האכצייטען צווישען אידען און קריסטען זיינען ניט פון דיא זעל־טענהייטען וויא א מאָל זאגאר אין דער איסט סייד. אין דיא פערשיעדענע שטעדט פון דער וועלט הערט מען דערפון גאנץ אָפט.

דיא אידען טהוען אלעס מעגליכעס פון זיך אראָבצוווארפען דיא נאציאָנאלע אייגענשאפטען וואס סטיגמאטיזירען זיי אין אזעלכע לענדער וויא טירקיי און רוסלאנד. זיי ווערען א טהייל פון דיא פעלקער און נאציאָנען צווישען וועלכע זיי לעבען. אין פרייע לענדער עררייכען זיי דאָס מעהר אָדער ווענינער שנעל. אזוי גיך וויא זיי קריגען אין רוסלאנד דיא זעלבע פרייהייטען וויא זיי האבען אין אמעריקא, ענגלאנד, פראנק־רייך, א. ד. גל., וועלען זיי אויך דאָרט פערליערען זייערע נאציאָ־נאלע אייגענשאפטען.

סאָציאלע אונטערשיעדע צווישען אָריענטאלישע און אייראָפעאישע אידען.

נאָך איין זאך וועלכע נאציאָנאליסטען שטודירען ניט אָדער מאכען זיך ניט וויסענדיג. דיא אידען אין דיא פרייע לענדער אין וועסט אייראָפא פערמעהרען זיך ניט — זייער צאָהל ווערט אימער ווענינער; אידען אין לענדער וואו דיא רעגיערונג, דיא נאציאָן איז ענג פערבונדען מיט דער קירכע, וואו דיא אידען ווערען

פאָלגליך אונטערדריקט אלס פרעמדע, וויא צום ביישפיעל אין רוסלאנד, טירקיי, מאראָקאָ, פערסיען, א. ד. גל., פערמעהרען זיך זעהר שטארק, פיעל שטארקער וויא דיא ניט אידישע בעפעלקערונג.

איך וועל ברענגען א פאָר ציפערן איבער דיעזער פראגע וועלכע איז זעהר וויכטיג. עס איז נעמליך בעקאנט, דאָס איינע פון דיא אייגענשאפטען פון דיא אידען איז דאָס זיי פערמעהרען זיך זעהר שנעל. אזעלכע אידען וואָס גלויבען דאָס מיר זיינען איין אויסערוועהלטעס פאָלק, און אויך דיא „וויסענשאפטליכע" אנטי־סעמיטען האָבען דאָס אימער בענוצט אלס א'ן ארגומענט דאָס דיא אידען האָבען געוויסע ראסען־אייגענשאפטען און דאָס איינע פון דיא וויכטיגסטע אייגענשאפטען איז זייער שטארקע פערמעהרונג. ווען מען ערלויבט דיא אידען צו וואָהנען אין א לאנד פערמעהרען זיי זיך אזוי שטארק דאָס זיי פערנעהמען אלע פלעצער פון דיא קריסטען, שרייען פיעלע אנטיסעמיטען.

דאָס איז אבער פאלש. דיא סטאטיסטיק פון פערשיעדענע לענדער בעווייזט דאָס דיא אידען האָבען וועניגער קינדער וויא קריסטען. לאָמיר נעהמען ווארשוי, דיא גרעסטע אידישע שטאדט אין אייראָפא. דער צענזוס פון 1901 צייגט דאָס פון יעדע טויזענד איינוואָהנער האָבען אידען געהאט 30.85 און קריסטען 41,59 גע־בורטען. נאָך מעהר, דיא אידען האָבען אין 1901 געהאט וועניגער געבורטען וויא אין דיא פריהערדיגע יאהרען. אין 1896 צ. ב. ש. האָבען זיי געהאט 40.09 געבורטען אויף יעדע טויזענד אידען (42.73 צווישען קריסטען). ד. ה., אז ניט נאָר פערמעהרען זיי זיך לאנגזאמער וויא דיא קריסטען, נאָר דאָס אין דער לעצטער צייט האָט זייער געבורטס־ראטע זאָגאר געזונקען 25 פראָצענט, און האלט אין זינקען. פאר גאנץ אייראָפעאישען רוסלאנד געפינען מיר לויט דעם לעצטען פאָלקסצעהלונג דאָס דיא געבורטען זיינען אין 1894 געווען 31.20 אויף 1000 אידען און 51.72 אויף טויזענד קריסטען; אין עסטרייך — אידען 33.89 און קריסטען 38.01 אזעלכע סטאטיסטיקס געפינען מיר אין יעדען לאנד וואו פאָלקס־צעהלונגען זיינען געמאכט געוואָרען. ווען מיר קומען אין לענדער

וואו דיא אידען לעבען פריי, געפינען מיר דאָס דיא געבורטס־צאָהלען פון אידען זיינען נאָך פיעל ניעדריגער, אין איניגע לענדער זאָגאר א העלפט פון דער קריסטליכער בעפעלקערונג. איך וועל ברענגען אלס ביישפיעל א פאָר ציפערן:

געבורטען אויף 1000 איינוואָהנער.

לאַנד	אידען	קריסטען
גאליציען (1900)	38.01	45.09
בוקאָווינא	29.54	42.81
ניעדער־עסטרייך	20.51	32.10
בעהמען	17.85	39.88
פרייסען (1903)	18.40	36.03

אין דייטשלאנד פערמעהרען זיך אויך ניט דיא אידען אָבוואָהל טויזענדער אידען קומען אהין יעדעס יאהר פון עסטרייך און רוס־לאנד. אין אָנפאנג פון נייצעהנטען יאהרהונדערט זיינען טויזענדע אידען געקומען פון פוילען און פערבליעבען אין דייטשלאנד, און ערשט זייט ביסמארק האָט געמאכט שטרענגע געזעצע געגען אידישע איינוואנדערונג קומען וועניגער אידען פון רוסלאנד און עסטרייך צו פערבלייבען אין דייטשלאנד. דאָך נאָך אלעמען האָבען זיך דיא אידען אין דייטשלאנד ניט פערמעהרט אין פערלויף פון נייצעהנטען יאהרהונדערט. אין 1871 זיינען געווען אין דייטשלאנד 125 אידען אונטער 10,000 קריסטען און אין 1890 זיינען בלויז 115 אידען צווישען 10,000 קריסטען. זאָגאר אין פרייסען ווערט אלץ וועניגער אידען — אין 1843 זיינען געווען 137 אידען און אין 1900 זיינען בלויז געווען 114 אידען צווישען 10,000 קריסטען.

פון דיעזע און פון דיא פריהעריגע ציפערן זעהען מיר דאָס אין רוסלאנד, פוילען, גאליציען און בוקאָווינא, וואו דיא אידען לעבען אונטער זייער אייגענע נאציאָנאלע קולטור פערמעהרען זיי זיך מעהר וויא דיא אידען אין פרייע לענדער, אָבוואָהל מען מוז אויך געדענקען דאָס זיי האָבען אימער וועניגער געבורטען וויא דיא קריסטען. איך וויל אָבער יעצט בעטאָנען דאָס באלד וויא

דיא אידען אטהעמען פרייער, באלד וויא זיי ווערען א טהייל פון דער נאציאָן אין וועלכער זיי וואָהנען, פערמעהרען זיי זיך אלץ ווענינער און ווענינער. א פאָלק פערמעהרט זיך נעמליך דורך געבורטען. ווען דיא צאָהל געבורטען איז גרעסער וויא דיא טויטענפעלע, פערמעהרט זיך דאָס פאָלק זעהר שנעל; ווען דיא צאָהל געבורטען איז ווענינער וויא דיא טויטענ־פעלע, ווערט דיא בעפעלקערונג אויך קלענער. אין פראנקרייך פערמעהרט זיך דאָס פאָלק זעהר ווענינ ווייל דיא צאָהל געבורטען איז זעהר קליין, בלויז 22 אויף יעדע טויזענד איינוואָהנער. דיא אידען אין דייטשלאנד, עסטרייך (אָהן גאליציען), פראנקרייך, איטאליען, ענגלאנד (ניט דיא אידישע עמיגראנטען) האָבען פיעל ווענינער געבורטען יעהרליך. אין פרייסען האָבען דיא אידען בלויז איין איבערשוס פון געבורטען איבער טויטענפעלע פון 4.52 אויף 1000 איינוואָהנער און קריסטען 14.57, ד. ה., דיא קריסט־ליכע בעפעלקערונג פערמעהרט זיך איבער דריי מאָל אזוי שנעל וויא דיא אידישע. דער געבורטען איבערשוס ווערט צווישען דיא קריסטען אימער גרעסער און צווישען דיא אידען אימער קלענער. א געוויסער אידישער סטאטיסטיקער דר. ארטהור רופפין אין בערלין, א ציוניסט, האָט בעוויזען מיט אונבעשטרייטבארע ציפפערן דאָס ווען עס זאָלען ניט צוקומען קיין דייטשלאנד אידען פון רוסלאנד און גאליציען, וואָלטען אין דייטשלאנד אין פערלויף פון דיא נעכסטע פופציג יאהר פערבליעבען זעהר ווענינ אידען. דאָס זעלבע איז צו זעהען אין איטאליען, פראנקרייך, אויסטראליען, א. ד. גל.

וויא אזוי פערקלענערט זיך דיא צאָהל אידען אין דיעזע לענדער? אויף דריי אופנים: 1) דורך זייער קליינע צאָהל געבורטען, וויא איך האָב שוין בעוויעזען; 2) דורך הייראטהען מיט קריסטען, וויא איך וועל באלד בעווייזען אויכיפהרליך; 3) אין איינינע לענדער וויא דייטשלאנד און עסטרייך דורך דירעקטען טויפען.

אין אמעריקא זיינען אזוי כמעט פערשוואונדען דיא שפאנישע אידען וועלכע האבען היער געוואהנט איידער דיא דייטשע און רוסישע אידען זיינען אהער געקומען. זייער טעמפעל שארית ישראל האט יעצט וועניג ריכטיגע ספרדים אלס מעמבערס — פיעלע דייטשע און ליטוואקעס זיינען יעצט פון העללער הויט געווארען ספרדים און זיך פערשריעבען אלס מעמבערס. וואו זיינען דיא ערשטע שפאנישע און פארטוגיעזישע אידען פון אמעריקא? פיעלע האבען געהייראט מיט קריסטען, איינינע (דאך פערהעלטניסמעסיג זעהר וועניג) מיט דייטשע יהודים און יעצט איז פון זיי גאר ניט געבליעבען. מען קען זאגען דאס ווען דיא דייטשע און רוסישע אידען זאלען ניט געווען קומען, וואלטען יעצט כמעט קיין אידען ניט געווען אין אמעריקא. דיפריינע רעגיערונג און די גינסטיגע סאציאלע אומשטענדען צוזאמען מיט דיא טאלע־ראנטע אמעריקאנער בעפעלקערונג וואל־טען געווען פערשלונגען אלע ספרדים. איינינע זיינען פערבליבען ווייל זיי האבען געהייראט מיט דייטשע אידען. (*)

---

*) איך וויים מען וועט ענטפערן דאס ער געפינען זיך יעצט כמעט עלף מיליאן אידען — פיעל מעהר וויא אין אלע פערגאנגענע צייטען. דאס איז אמת. מען מוז אבער ניט פערגעסען דאס מעהר וויא דריי־פיערטעל פון אלע היינטיגע אידען וואהנען נאך עד היום אונטער אריענטאלישע און האלב־אריענטאלישע קולטור, אין רוסלאנד, גאליציען, רומעניען, טירקיי, אפריקא און אזיען. דיעזע אידען פערמעהרען זיך נאך שטארק. אונגעפעהר צוויי מיליאן אידען אין מערב איראפעאישע לענדער און אמעריקא, געפינען זיך אונטער דעם איינפלוס פון מאדערנער קולטור און זייער צאהל פערקלענערט זיך זעהר שטארק. ווען עס זאלען יעהרליך ניט צוקומען דיא הונדערטע טויזענדע אידישע עמיגראנטען פון מזרח איראפא אין דיעזע לענדער, וואלטען פון דיא מערב איראַ־

האָבען דיא אידען זיך קיינמאָל ניט פערמישט מיט אַנדערע פעלקער?

דיא אידישע אָבגעזונדערטקייט פון אנדערע פעלקער ווערט פון מעהרסטע מענשען בעטראכט אלס איין אונבעשטרייטבארער פאקט. דיא אנטיסעמיטען טייטען דארויף מיט דיא פינגער, און ווילען דער־מיט בעווייזען דאָס דיא אידען קענען קיינמאָל ניט ווערען א טהייל פון דער בעפעלקערונג צווישען וועלכע זיי לעבען. פון דער צייט פון דיא פאטריאכען און קעניגע זיינען דיא אידען פערבליבען דיזעלבע, האָבען אימער פערבאכטעט אנדערע פעלקער, קיינמאָל זיך ניט צוזאמענגעקומען מיט זייערע גוי'אישע שכנים און שטענדיג געווען שטאָלץ און זיך ניט געוואָלט ערניעדריגען צו הייראטהען מיט ניט־אידען. דיא אידען אליין ווידער האָבען אימער מיט שטאָלץ אָנגעצייגט אויף זייער יחוס־בריעף: אברהם אבינו — אונזער פאטער אברהם, און זייט אברהם'ען האָבען מיר זיך ניט פערמישט מיט פרעמדע, האָבען מיר ערהאלטען ריין אונזער שטאם, אונזער ראסע.

איז דאָס אמת? לאָמיר בעטראכטען.

אין דער ביבעל געפינען מיר פיעלע פעללע וועלכע בעווייזען אז אידען האָבען נאָך אין יענע צייטען געהייראט מיט גוים, און אז דאמאָלס שוין זיינען דיא אידען ניט געווען קיין ריינע ראסע. ערשטענס מוזען מיר געדענקען דאָס ווען מיר לעזען אויבגערעכענט דיא חתים, גרגשים, אמורים, כנענים, פרזים, חוים, יבוסים, —

פעאישע און אמעריקאַנער אידען זעהר ווענינ פערבליבען. מענשען, וועלכע האבען דיזע פראגע גענוי שטודירט זאגען דאס דיזעלבע ערשיי־נונג וועט מען זעהן אין רוסלאַנד ווען דיא אידען וועלען קריגען דיא זעלבע פרייהייטען וואס זייערע דייטשע, פראַנצויזישע און איטאליעני־שע ברידער האבען. מען מוז ניט פערגעסען דאס ערשט צוריק מיט הונ־דערט יאהר זיינען דיא אידען אין מערב איירופא געווען אויף דעם זעלבען קולטור־שטאַנד, וויא יעצט דיא אידען אין רוסלאַנד.

שבע גוים רבים ועצומים ממך ,אז מען טאָר מיט זיי ניט הייראטען: „ולא תתחתן בם, בתך לא תתן לבנו ובתו לא תקח לבנך“ — דאן פערשטעהען מיר דאָס אידען האָבען וואהרשיינליך מיט זיי יא געהייראטעט, זאָנסט וואָלט דאָך דיא ביבעל ניט געפונען קיין געלעגענהייט עס צו פערביעטען. יעדענפאַלס וועל איך אייך אנ־ווייזען אויף דייטליכע פאקטען: דיא פּאטריאכען האָבען געהאט גוי׳אישע ווייבער: אברהם האט געלעבט מיט הגר׳ן — איין עגיפּטישע פרוי; יוסף האט אויך געהאט איין עגיפּטישע פרוי — אסנת, פּוטיפר׳ס טאָכטער, דער פריעסטער פון אן. משה האט געהייראַטעט מיט א גויה פון מדין, צפּרה; עס איז אמת דאס זיין ברודער און שוועסטער אהרן און מרים זיינען דאַרויף ברוגז געוועזן. „ותדבר מרים לאהרן במשה על אדות האשה הכשית אשר לקח, כי אשה כשית לקח“. דאן מוז מען אויך ניט פערגעסען דעם ערב רב וואָס איז מיטגעגאנגען מיט דיא אידען ווען זיי זיינען ארויסגעגאנגען פון מצרים און האָבען וואהרשיינליך נאכהער אויך געהייראט מיט אידען. דוד המלך האט געשטאַמט פון אַ גויה, רות, און שלמה המלך, וועלכער האט געהאט א גוי׳אישע מוטער, „אהב נשים נכריות רבות, ואת בת פרעה, מואביות עמניות, אדמית, צדנית, חתית.....“ ווער וועט זיך וועלען איינרעדען דאָס ווען דיא פּאטריאכען און קעניגע פון דיא אידען האָבען געהאט גוי׳אישע ווייבער, האָבען זיי דאָס איינפאכע פאָלק ניט נאָכגעטהאָן?

ווען דיא אידען האָבען זיך צוריקגעקעהרט קיין ירושלים נאָך גלות בבל, האָט עזרא געוויינט אויף דעם אידישען מנהג צו הייראטהען מיט גוים. „אתם מעלתם ותשיבו נשים נכריות, להוסיף על אשמת ישראל“, האָט דער פּראָפעט געזאָגט. נחמיה האָט אויך געזאָגט אין יענער צייט: „גם בימים ההם ראיתי את היהודים השיבו נשים חצי מדבר אשדודית, ואינם מכיריך לדבר יהודית, וכלשון עם ועם“. אין תלמוד געפינען זיך אויך זעהר פיעל בעווייזע דאָס אידען האָבען געהייראט מיט גוים. יאָזע־פוס, וועלכער האָט געלעבט אין טיטוס׳עס צייטען זאָגט גאנץ קלאָר

דאָס די אידישע קהילה אין אלעקסאנדריען האָבען אָפּט געהיי־ראטה מיט גריעכען ; און טאציטוס בעשטעטיגט דאָס. די אידען האָבען איבערהויפט דאמאלס אָנגענומען די העללענישע קולטור און האָבען זיך גאנץ גוט אסימילירט. פיעלע גריעכען וויעדער האָבען זיך דאמאלס מגייר געווען און איבערגעגאנגען צום יודענ־טהום. דאָס זעלבע האָט דאמאלס אויך פּאסירט אין רוים. יאָוועגאל (Juvenal) בעשרייבט צווייערליי גרים : די פאטערס האָבען זיך בעגניגט דערמיט וואָס זיי האָבען אָבגעהיט דעם אידישען שבת, און האבען ניט געגעסען קיין שווייענפלייש ; די זיהן זיינען אבער געוועזן בעסערע אידען : זיי האָבען זיך זאָגאר בעשניטען.

איך וועל ניט פערנעמען פיעל צייט אָנצייגענדיג אויף אנדערע פאקטען אין דער אידישער געשיכטע וואו די אידען האָבען זיך פערמישט מיט אנדערע פעלקער. איך וויל בלויז עראינערן אָן די „כזרים", די חאָזארען. דאָס איז געוועזן א גרויסער און מעכטיגער שטאם אין זיד־רוסלאנד, וועלכער האָט אָנגענומען דעם יודענטהום אין אכטען יאהרהונדערט. פיעלע היסטאָריקער דענקען דאָס מעהרכטע רוסישע, גאליצישע און רומענישע אידען שטאמען פון דיעזע חאָזארען.

ווען מיר בעטראכטען דיעזע פאקטען פרעגט זיך : זיינען די אידען א ריינע ראסע? זיינען זיי אלע די אייניקלאך פון אברהם, יצחק און יעקב? האָבען קיינע אנדערע ראסע. און פעל־קער ניט קיין אנטהייל גענומען אין דעם אויפבילדען פון דעם אידי־יען פאָלק?

די בעשולדיגונגען פון די אנטיסעמיטען דאָס די אידען זיינען ריינע סעמיטען, דאָס זיי זיינען פאָלגליך פרעמדע אין אייראָ־פּא איז דורכאויס פאלש. די איבריגע אידישע נאציאָנאליסטען וואָס זיינען שטאָלץ אויף דעם ריינעם אידישען שטאם, מאכען דעם זעלבען מיסטייק. די יעצטיגע אידען אין אייראָפּא זיינען אייראָפּעער, ניט קיין אזיאַטען. זיי זיינען א טהייל פון דער בעפעלקערונג צווישען וועלכע זיי וואָהנען. אלס אזעלכע האָבען זיי א רעכט צו פאָדערן אלע פּריווילעגיען פון אייראָפּעער.

געמישטע הייראטהען צווישען אידען, אין היינטיגער צייט.

אין רוסלאנד, גאליציען, טירקיי, פערסיען און אנדערע אָריענטאלישע לענדער, וואו דיא אידען זיינען נאָך אונטערדריקט און לעבען נאָך אונטער א'ן אייגענער קולטור, הייראטהען זיי בלויז צווישען זיך. ווען א איד וויל זאָגאר הייראטען א קריסט ערלויבט דאָס געזעץ ניט (חוץ גאליציען) ביז ער טויפט זיך. דאָס איז איינער פון דיא וויכטיגסטע פאקטאָרען, וואָס האלטען דיא אידען צוזאמען אין געטהאָס, אָבגעזונדערט פון זייערע קריסטליכע און מעהאָמעדאנישע שכנים. אין מערב אייראָפּעאישע לענדער, אמעריקא און אויסטראליען שטעהט דיא זאך אָבער גאנץ אנדערש. היער ווערען זיי מעהר אָדער ווענינער אנערקענט פאר מיטבירגער פון דער אלגעמיינער בעפעלקערונג, וועלכע פערקעהרען מיט זיי אין אלע לעבענס אנגעלעגענהייטען. דער וויכטיגסטער רעזולטאט איז דאָס הייראטהען צווישען אידען און קריסטען פאסירען גאנץ אָפט. איך בין איבערצייגט דאָס פיעלע נאציאָנאליסטען וועלען דאָס אָפּלייקענען, זיי וועלען זיכער זאָגען דאָס הייראטען מיט קריסטען, ווען מען לאָזט אונבעאכטעט דיא פיהרער פון דיא ציוניסטען און טעריטאָריאליסטען, פאסירען זעהר זעלטען צווישען אידען אין דער גאנצער וועלט. דער איד איז דאָך עפּעס אזא מין בעשעפעניש וואָס קען זיך ניט פערשמעלצען מיט אנדערע ראסען, מיט אנדערע נאציאָנען. אום צו מאכען דיא פראגע קלאָר, וועל איך ווידער אמאָל בעלעסטיגען מיינע גערולדיגע נאציאָנאליסטען מיט עטליכע ציפערען.

אין קאָפּענהאַגען האט דער רב פון שטאדט פערעפענטליכט ציפערען וואָס בעווייזען דאָס 40 פּראָצענט פון אידען הייראַטהען קריסטען, ד.ה., אז צוויי פון יעדע 5 אידישע מענער אָדער פרויען הייראַטען אַ קריסט. פון יעדע הונדערט אידישע האָכצייטען וואס ווערען געפייערט אין דייטשלאַנד הייראַטען 15 מיט קריסטען; אין פּרייסען האבען אין פערלויף פון 1876 ביז 1903 געהייראַטעט 4480 אידישע פרוי-

ען מיט קריסטליכע מענער און 4740 אידישע מענער מיט קריסטליכע פרויען. אין אונגארן האָט מען ערשט אין 1895 ערלויבט אידען צו הייראטען מיט קריסטען, און אין פערלויף פון אַכט יאָהר, פון 1895 ביז 1902 האָבען 3133 אידען (1570 מענער און 1563 פרויען) געהייראטעט מיט קריסטען. איבערהויפט פאסירען דיעזע מ י ש ה ע ן אין בודא־פעסט. אין 1904 האָבען אין דיעזער שטאָדט 224 אידען געהייראַטעט מיט קריסטען, און 1359 האבען געהייראַטעט מיט אידען, דאס הייסט, אז כמעט 17 פון יעדע הונדערט אידישע חתונות ווערען געשלאָסען מיט קריסטען. אין אויס־טראליען (ניי זיד וויילס) האָט מען געפונען ביים לעצטען פאָלקסציילונג (1901) דאָס 781 אידען זיינען פערהייראט געווען מיט אידען און 686 וואָס זיינען געווען פערהייראט מיט קריסטען. ד. ה. 87 פראָצענט פון אללע אידען זיינען פערהייראטעט צו קריסטען.

אין אנדערע לענדער אין איראָפּא זעהען מיר דיזעלבע ער־שיינונגען: אין איטאליען פאסירען הייראטען צווישען אידען און קריסטען זעהר אָפט, פיעל עפטער וויא אין דייטשלאנד און אונ־גארן. אין פראנקרייך אויך זיינען מעהרסטע פראָמינענטע אידי־שע פאמיליעס פערהייראט מיט קריסטען און אין ענגלאנד איז כמעט דער זעלבער צושטאנד. אין דיא פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא זעהען מיר דיזעלבע ערשיינונג — פיעלע פראָמינענ־טע אידישע פאמיליעס האָבען קריסטליכע אלס פערוואנדטע, אי־בערהויפט אין דיא וועסטערן סטייטס. די רבנים, און זאָגאר דיא רעפאָרם רבנים אגיטירען די לעצטע 10 יאהר מיט שטארקער אייפער נעגען געמישטע חתונות; פראָפעסאר הירש אין שיקאגאָ דער ראבי אין טעמפעל „ציון“ האָט לעצטען זומער ערשט געשריבען אן ארטי־קעל אין זיין ציטונג „רעפאָרם אדוואָקייט“ געגען הייראטען מיט קריסטען און ער בעשריבט אז אין פערלויף פון א רייזע אין אָרעגאן קאליפאָרניע און בענאכבארטע שטאאטען אין דיא וועסט האָט ער אויסגעפונען דאָס עס איז יעצט א גרויסע מאָדע ביי דיא אידען

חתונה צו האָבען מיט דיא קריסטען ; דיא „דזשואיש פּאָבליקיישאָן סאָסייעטי“, שווייגט אויך ניט — צוריק מיט עטליכע מאָנאטען האָבען זיי ארויסגעגעבען א בוך מיט ערציילונגען וועלכע האָבען א טענדענץ צו בעווייזען דאָס חתונות מיט קריסטען איז ניט גוט פאר געטרייע אידען, און דאָס אמת׳ע אידען וועז זיי האָבען זיך זאָגאר פערליעבט אין קריסטען, זיינען זיי שטארק גענוג גובר צו זיין דעם נסיון און ענדליך זיך צו ענטזאגען צו הייראטען.

זאָגאר אין די איסט סייד איז איצט ניט זעלטען צו זעהן אידען מיט קריסטען פערהייראט. א צענזוס וועלכע דיא „פעדע־ריישאָן אָוו טשווירטשעס“ האָט געמאכט איניגע יאָהר צוריק האָט בעוויזען דאָס אין געוויסע טהיילען פון שטאָדט ניו יאָרק געפינט מען פיעלע אידען פערהייראט צו קריסטען. אין דיא וועסטערען סטייטס הייראטען רוסישע אידען מיט קריסטען גאנץ אָפט. איך בעדארף דיעזע פאקטען ניט ווידערהאָלען ווייל יעדער וואָס איז בע־קאנט מיט אידישע צושטענדע אין אמעריקא ווייסט פון זיי גאנץ גענוי.

דיעזע אלע פאקטען בעווייזען קלאָר דאָס אזוי באלד וויא דער איד אטהעמט פריי, אזוי שנעל וויא ער איז ניט פערשפּארט אין געטהאָס, דענאציאָנאליזירט ער זיך. ער טהוט אלעס מעגליכעס צו ווערען א טהייל פון דעם פאָלק צווישען וועלכען ער וואָהנט. דער איד, און אויך דער קריסט אנערקענען ענדליך דאָס עס איז ניט קיין אונטערשיעד צווישען זיי, דאָס זיי זיינעןביידע פון דער זעלבער ווייסער קאווקאזישער ראסע, דאָס דיא רעליגיאָן אליין צו־טהיילט זיי און ניט דיא „נאציאָנאליטעט“. און אזוי ווי קאטהאליקען הייראטען אָפט מיט פּראָטעסטאנטען, אָבוואָהל דיא רוימישע קירכע איז שטארק דאגעגען ; אזוי אויך הייראט דער איד מיט א קריסט אונגעאכטעט אויף דעם פּראָטעסט פון דער סינאגאָגע, פון דיא נא־ציאָנאליסטען, און פון דיא ציוניסטען.

מען מוז ניט פערגעסען דאָס דיא איינציגע שטערונג אין דער פערמישונג צווישען אידען און קריסטען איז דיא רעליגיאָן. דיא מאָדערנע אידען קוקען ניט אויף דיא גוים וויא אויף אבשוי־

ליכע בעשעפעניש. דיא אידען ווידער זיינען ניט א'ן אבשיילינבע ראסע וויא דיא אנטיסעמיטען זאגען, און זאגאר ניט א'ן אייגענ־טהימליכע ראסע וועלכע קען זיך ניט פערשמעלצען מיט אנדערע, וויא נאציאנאליסטען ערקלערען. אין רוסלאנד הייראטען פראוואָ־סלאוונע זעהר זעלטען מיט קאטאָליקען. אין דייטשלאנד אפילו, א לאנד וואו דיא רעליגיאָן איז ניט א טהייל פון שטאאט, הייראטען קאטאָליקען מיט פראָטעסטאנטען כמעט אין אזא קליינער צאָהל וויא אידען מיט קריסטען. ווער האָט ניט אָפט געהערט אמעריקאַ־נער קאטאָליקען זאָגען דאָס עס איז ניט גוט צו הייראטהען מיט פראָטעסטאנטען? ווער עס וויל איינרעדען דאָס רעליגיאָן אליין איז ניט גענוג מעכטיג צו צוטהיילען מענשען אין גרופען ווייסט ניט וואָס עס געהט אָן אין דער וועלט. דער איד ביי וועלכען דער רעליגיעזער געפיהל איז שוואך, הייראטעט מיט א קריסט פונקט וויא א קאטאָליק הייראטעט מיט א פראָטעסטאנט.

דיעזע געמישטע חתונות העלפען פיעל מעהר צו לע־זען דיא אידישע פראגע וויא אללע ביכער איבער דעם אידי־שען נאציאָנאליזמוס, אללע קאָנגרעסען איבער דעם ציוניז־מוס, און אלע אגיטאציאָנס רעדען צו גונסטען פון דער ער־האלטונג פון א אידישער נאציאָן וועלכע זאָל לעבען צווישען אנדערע נאציאָנען אלס פרעמדע מיט דער האָפנונג זיך צוריק אומצוקעהרען אין זייער אייגענעם לאנד ציון.

וואו זיינען דיא אידישע נעמען?

א נאציאָן איז אימער שטאָלץ אויף איהר פערגאנגענהייט, איהר געשיכטע, איהר קולטור, און שטרעבט מיט אלע מעגליכקייטען צו ערהאלטען אלע אייגענשאפטען וועלכע דערמאָנען זיא אָן איהר יעצטיגען און אמאָליגען גלאנץ. אונזער אידישע געשיכטע איז איינע פון דיא עלטעסטע און גלאָררייכסטע אין דער וועלט. דיא נעמען פון אונזערע פאטריאכען, פראָפעטען, קעניגע און קעמפפער אין ביבלישע צייטען, זיינען פאר א פאָלק וועלכע שטרעבט

צו ערהאלטען איהר נאציאָנאלען שטאָלץ, וועררטה אויפצוהאלטען, דאָס וועלען אלע נאציאָנאליסטען צוגעבען. אויב דיא אידען אין אלגעמיין ווילעןווירקליך אויפהאלטען זיינער נאציאָנאליזמוס, טאָ ווארום שעמען זיי זיך מיט אמת־אידישע נעמען וועלכע וואָלטען זיי דערמאָנט אָן זייער אמאָליגען גלאנץ? וועלכע וואָלטען ער־אינערט זייערע קינדער אָן דיא גרויסקייט פון דיא פאטריאכען אברהם, יצחק, יעקב, משה? אָן דיא פראָפעטען ישעיה, עזרא, נחמיה, ירמיהו; פון דיא קעניגע דוד, שלמה א. ז. וו.? וויפיעל אידען אין וועסט איירָאָפּא האָבען אידישע נעמען? וויפיעל אידען אין אמעריקא רופען זייערע קינדער נעמען פון דער אידישע גע־שיכטע? זאָגאר נאציאָנאַליסטען און ציוניסטען רופען זייערע קינדער דזשאָן, דזשיימס, טשארלס, פוירסי, עדווארד, ריטשאַרד, האַריעט, אַדעלע, א. ד. גל. ווער ווייסט דאָס ניט דאס מעהרסטע אידען שעמען זיך צו רופען זייערע קינדער מיט דיא נעמען אברהם, יצחק, יעקב, שלמה, שרה, רבקה, א. ד. גל.? וועלכער נאַציאָנאַליסט וואָלט געגעבען זיין קינד א נאָמען „סאָלאָמאָן אייזיק“?

און דיא פאמיליען־נעמען? ווען דיא אידען זאָלן ווירקליך זיין א פאָלק, א נאציאָן, וואָלטען זיי געהאט אייגענע נעמען, אזוי גוט וויא דיא רוסען, דייטשען, ענגלענדער און פראנצויזען. דער פאקט איז אבער דאָס דיא שפאנישע אידען האָבען שפאנישע נעמען; דיא פראנצויזישע אידען, פראנצויזישע נעמען און דיא דייטשע אידען, דייטשע נעמען. דיא אידען אין רוסלאנד, פוילען און דייטשלאנד זיינען ניט פיעל שולדיג דארין וואָס מען דערקענט זייערע פאמיליען־נעמען, וויא צ. ב. ש. גאָלדשטיין, זילבערשטיין, דיאמאנדשטיין, וועלכע מען אנערקענט יעצט אלס ספעציפיש „אידישע“. מען האָט זיי דיזע נעמען געגעבען מיט דער אבזיכט אום מען זאָל זיי דערקענען. יעדענפאלס דיזע נעמען זיינען ניט אידישע. דיא אידען, ווען זיי זאָלען אלע זיין נאציאָנאַליסטיש געזאָנען וואָלטען זיך געקענט אויכקלייבען היסטאָרישע, ביבלישע

פאמיליען־נעמען. וואָס טהוען אבער דיא אידען אין דיא לענדער וואו זיי האָבען דיא פרייהייט זיך אויסצוקלייבען נעמען? אנשטאט שווארץ, קאָהענשטיין, זילבערמאן, האָכהיימער א. ד. גל., וועלכע זיינען יעצט בעקאַנט אלס „אידיש", פערבייטען זיי זיך דיא נעמען אויף ריטשארדסאָן, קעללי, סטוארט, דזשעראָם א. ד. גל. נאָך מעהר, פיעלע אידען אין פוילען און רוסלאנד האָבען געהאט פוילישע און רוסישע נעמען. קומענדיג אין אמעריקא פיהלען זיי אינסטינק־טיוו דאָס זיי מוזען ווערען א טהייל פון דער אמעריקאנישער נאציאָן און זיי פערבייטען קאָוואלסקי, לאפאווסקי און דובאָווסקי אויף אמעריקאנישע נעמען. *)

דאָס איז ניט קיין נייע ערשיינונג צווישען אידען. אין שפּאַ־ניען האָבען זיך דיא אידען גערופען לאָפּעז, מענדאָזא, דע סילווא, א. ד. גל. אין דייטשלאנד אויך האָבען זיך דיא אידען געביטען זייערע נעמען — לודוויג בערנע'ס אידישער נאָמען איז געווען ליב בארוך; קארל מארקס' איז געווען מרדכי; אין אונגארן בייטען זיי דיא נעמען אויף אונגארישע, סיימאָן רופט זיך דאָרט סימאָני, אין רומעניען סימיאָנעסקו א. ד. גל.. אין אלזשיר, מאראָקאָ, טוניס האָבען אידען אראבישע נעמען. זייט פראנקרייך רעגיערט איבער אלזשיר און טוניס האָבען דיא אידען אָנגעפאנגען צו האָבען פראנ־צויזישע נעמען.

אידען האבען אין פערלויף פון דיא לעצטע צוויי טויזענד יאהר אימּמער געוואָלט ווערען א טהייל פון דיא נאַציאָנען צווישען וועלכע זיי לעבען. זיי אַנערקענען אינ־סטינקטיוו דאס זיי זיינען ניט קיין נאַציאָן. וואו מען האט זיי געלאזט האבען זיי זיך אסימילירט, און נור אין אזעלכע לענדער וואו מען האָט זיי אבגעזונדערט, פערשפארט אין

---

*) דיא אידען ענטשולדיגען זיך געוועהנליך דאס עס איז שווער צו ספּעלען אידישע נעמען. איטאַליענישע, שפּאַנישע און פראַנצויזישע נעמען זיינען נאך שווערער צו ספּעלען, דאך פערבייטען זיך דיעזע אימי־גראַנטען בלויז זעלטען זייערע נעמען.

געהאט זיינען זיי פערבליעבען מיט געוויסע צייכענס וועלכע האבען זיי אונטערשיעדען פון זייערע ניט אידישע, גרויזאמע שכנים. דאס איז אם בעסטען בעוויזען געווארען מיט דיא נעמען — באלד וויא מען גיבט דיא אידען פרייהייט ווילען זיי זאגאר האבען דיא נעמען פון זייערע ניט־אידישע מיט־בירגער ווייל זיי זיינען א טהייל פון דער נאציאן צווישען וועלכע זיי וואהנען.

דיא שפראכען פון דיא אידען.

„ווען דיא אידען האבען פערלוירען זייער היים", זאגט א ציוניסט פראפ. גאטטהייל, „און זיינען געווארען א ראסע אהן א'ן אייגענע לאנד זיינען זיי נאטירליך גענעטהיגט געווען צו בענוצען דיא שפראכען פון דיא פעלקער צווישען וועלכע זיי איז אויסגעקומען צו וואהנען." דיא ווירקליך אידישע שפראכע, העברעאיש, איז זייט דיא אידען זיינען אין גלות, געווארען בלויז א „הייליגע שפראכע" „לשון הקודש" און ווערט בענוצט בלויז פאר העכערע, פיינערע און עדעלערע ליטעראטור און צום גאטעס־געבעט. אלס אומגאנגס־שפראכע בענוצען דיא אידען דיא שפראכען פון דיא פעלקער צווישען וועלכע זיי וואהנען אדער האבען געוואהנט.

נאך אין ארץ ישראל, אין דער צייט פון אידישען גלאנץ האבען דיא אידען ניט אויסשליסליך בענוצט העברעאיש אלס אומגאנגס־שפראכע אדער אלס ליטעראטור־שפראכע. פון דער צייט פון משה ביז דיא טעג פון נחמיה און יהודה המכבי איז העברעאיש געווען דיא שפראכע, אבער זייט גלות בבל איז דיא כאלדעאישע (אסט־אראמישע) אליין מעהר און מעהר געווארען דיא שפראכע פון דיא אידען. דאס בוך עזרא ענטהאלט שוין פיעלע קאפיטלען געשריעבען אין כאלדעאיש. דיא תרגומים איבער דעם אלטען טעסטאמענט זיינען דאס זעלבע וויא אונזער מאדערנע „טייטש חמוש". דיא

אידען אין דיא פאר יאהרהונדערט פאר און נאך קריכטוס געבורט האבען בעדארפט איבערזעצונגען אין דער באבילאנישער שפראכע אום צו פערשטעהן די תורה גראדע וויא יעצט בעדארפען מעהרסטע אידען אידישע איבערזעצונגען. נאך דעם חורבן פון ירושלים איז דער זעלבער דיאלעקט געווארען דיא ליטעראטור שפראכע וויא עס בעווייזט דער פאקט דאס דער תלמוד איז געשריבען אין אראמיש, מיטביימישונג פון פערשיעדענע אנדערע עלעמענטען. וויא רענאן צייגט אן איז אויך דיעזע שפראכע פערבליעבען דיא אידישע ליטע־ראטור־שפראכע ביז דעם צעהנטען יאהרהונדערט. אבוואהל איינינע אידישע היסטאריקער (גרעץ, פירסט, א. ח. גל.) צייגען אן דאס דיא העברעאישע שפראכע איז אין דיא ערשטע פאר יאהרהונדערטע פון יעצטיגער צייטרעכנונג ניט אין גאנצען אויסגעשטארבען, דאך מוז מען ניט פערגעסען דאס אלס אומגאנגסשפראכע איז זיא ניט בענוצט געווארען פון דיא גרעסטע מאיאריטעט פון אידען. העברע־איש איז געוועזן בלויז א הייליגע שפראכע, ווייל דיא תורה איז געשריעבען אויף העברעאיש. דיא אידען זיינען דאמאלס פאקטיש געוועזן פאליגלאטען — מענשען מיט איינינע שפראכען. וויא אברהם אבולאפיע צייגט אן האבען דיא אידען אין סיציליען בענוצט דיא איטאליענישע, גריכישע און אויך אראבישע שפראכען. דיא ערשטע אידען פון קארפו זיינען געקומען פון גריכענלאנד. דאן זיינען געקומען אידען פון אפוליא, נאכהער ,אין 15טען און 16טען יאהרהונדערט זיינען אנגעקומען אידען פון פארטוגאל. דער רעזולטאט איז געוועזן דאס אין די בתי מדרשים אין קארפו האט מען געדאווענט אין העברעאיש, גריכיש, איטאליעניש און פארטו־געזיש. (אבהאנדלונג דעם 5טען אינטערנאצ. אריענטאלישען קאנ־גרעסכעס, זייטע 288.)

ווען אין 7טען און 8טען יאהרהונדערט האט זיך דיא אראבישע קולטור שטארק פערברייטעט איבער זיך איירפא און נארד אפריקא, האבען דיא אידען אויפגעגעבען דיא אראמישע (סירישע) שפראכע צו גונסטען פון אראבישען. דיא אידישע דיכטער און געלעהרטע פון יענער צייט האבען געשריבען זעהר ווייניג העברע־

איש. מעהרסטע פון דיא אידישע שריפטען פון אידען זיינען געשריבען געוואָרען אין אראביש. פינף יאהרהונדערטע נאָכאנאנד איז דאָס אראבישע פערבליבען דיא אומגאנגס־שפּראכע פון דיא אידען. נאכהער ווען שפּאניען און זיד פראנקרייך האָבען אויפגע־בליהט אלס א צענטער פאר דעם יודענטהום, ווען דיא אידען האָבען געפונען א רוהיגע היים אין דיזע לענדער האָבען זיי ווידער אויפ־געגעבען זייער שפּראכע צו גונסטען פון שפּאנישען און פראנצויזי־שען. ביז היינט רעדען מעהרסטע אידען וועלכע שטאמען פון דיא שפּאנישע אידען וואָס זיינען פערטריעבען געוואָרען פון זייער היים אין יאהר 1492, דיא שפּאנישע שפּראכע. אין טירקיי, סיריען און אין איינינגע טהיילען פון מאראָקאָ הערט מען נאָך היינט בלויז „ספּאניאָליש“ א מין שפּאניש־אידישער זשארגאָן. דיא אנדערע שפּאנישע אידען וואָהנען יעצט אין פרייע לענדער, וויא צום ביי־שפּיעל האָללאנד, ענגלאנד, פראנקרייך, איטאליען און אמעריקא, וואו זיי פיהלען זיך מעהר אדער ווייניגער פריי און זיינען ניט פערשפּארט אין די געטהאָס, זיינען ניט אונטערדריקט, האָבען ווידער אמאָל אויפגעגעבען דעם שפּאנישען זשארגאָן, וועלכער איז געווען זייער שפּראכע עטליכע יאהרהונדערטע. יעצט רעדען דיא שפּאנישע אידען אין ענגלאנד, ענגליש; אין פראנקרך, פראנצויזיש; אין איטאליען, איטאליעניש א. ז. וו.

אז דיא אידען אין אָסט אייראָפּא, אין רוסלאנד, גאליציען, רומעניען א. ז. וו. רעדען ניט העברעאיש בעדארף איך מיך ניט בעמיהען צו בעווייזען. דער „זשארגאָן“ וועלכען מיר בענוצען יעצט שטאמט פון דייטשלאנד. דיא אידען אין דייטשלאנד האָבען בע־נוצט, וויא דיא געשיכטע בעווייזט דייטליך, ביז דעם 13טען און 14טען יאהרהונדערט, דיא ריינע דייטשע שפּראכע פון יענער צייט. אזוי לאנג זיי האָבען געוואָהנט צווישען דער קריסטליכער בעפעל־קערונג, ניט פערשפּארט אין געטהאָס, האָבען זיי בענוצט דיא זעלבע שפּראכע וויא זייערע קריסטליכע מיטבירגער. ערשט שפּעטער ווען מען האָט זיי אָנגעפאנגען צו אונטערדריקען, ווען מען האָט זיי געצוואונגען צו לעבען אָבגעזונדערט פון זייערע קריסטליכע שכנים

האָבען זיי ענטוויקעלט דעם זשארגאָן פון דער דייטשער שפּראַכע. און ווען אין 15טען און 16טען יאהרהונדערט האָבען דיא דייטשע אידען מאסענווייז אויסגעוואנדערט קיין פּוילען האָבען זיי מיט־גענומען מיט זיך דיא דייטשע שפּראַכע. דאָ האָבען זיי נאָך אויפ־גענומען פערשיעדענע סלאווישע ווערטער און אויף אנדערע אופנים פערענדערט דיא אויסשפּראַכע און אזוי בעשאפען א זשארגאָן. דיא רוסישע און פּוילישע אידען, וועלכע, אין פערלויף פון דיא לעצטע דרייסיג יאהר, האָבען אויסגעוואנדערט אין פערשיעדענע אנדערע לענדער וויא אמעריקא, ענגלאנד פראנקרייך, א. ד. גל. האָבען ווידער אמאָל פערענדערט דעם זשארגאָן. אין ענגלאנד און אמעריקא האָט מען צוגעקריגען ענגלישע ווערטער; אין בראזיליען שפּאנישע ווערטער און אין פראנקרייך פּיעלע פראנצויזישע ווער־טער. איין זאך וויל איך יעצט אָנדייטען: דיא זשאַרגאָנישע שפּראַכע פערשווינדעט אין פרייע לענדער. דיא קינדער וואָס ווערען געבוירען אין אמעריקא אָדער ענגלאנד בענוצען פּאָרצוגס־ווייזע דאָס ענגלישע אלס אומגאנגס־שפּראַכע. מען קען פאָראויס־זאָגען דאָס אין פערלויף פון א א פּאר דורות וועלען דיא אידען וואָס שטאמען פון די רוסישע, גאליציער, רומענישע א.ז.וו. אידישע איינוואנדערער רעדען בלויז ענגליש אין ענגלאנד, אמעריקא, אויס־טראליען און זיד אפריקא; פראנצויזיש אין פראנקרייך, שפּאניש אין זיד אמעריקא, א. ז. וו.

איך מוז נאָך אָנצייגען דאָס דיא היינטיגע אידען בענוצען נאָך אנדערע שפּראַכען. אין פּערכיען רעדען זיי פּערסיש; אין קאוו־קאז רעדען דיא בערג־אידען דיא טאט שפּראַכע; אין בוכארא רעדען זיי איראניש; אין אביסיניען רעדען דיא פאלאשאס דיזעל־בע שפּראַכע וויא דיא ניט־אידישע איינוואָהנער און אין אינדיען איז דאָס זעלבע מיט דיא „שווארצע“ אידען. אין איטאליען רעדען זיי בלויז איטאליעניש; אין פראנקרייך, פראנצויזיש; אין דייטשלאנד, דייטש, א. ז. וו.

דיא אמת אידישע שפּראַכע, העברעאיש, ווערט יעצט ניט בענוצט אין קיין לאנד

אלס אומגאנגס־שפּראכע. אין פערלויף פון דיא לעצטע 30 יאהר האָבען פיעלע משכילים אין רוסלאנד, עסטרייך און רומעניען בעשאפען א גרויסע בעוועגונג צו גונסטען פון העברעאיש, נאָר מיט א זעהר קליינעם ערפאָלג. אין דיא קאָלאָניעס און פּאלעסטינא האָבען דיא ציוניסטען שווער געארבייט צו פערברייטען דאָס העברעאישע אלס אומגאנגס־שפּראכע און נאָך צוואנציג יאהרען שווערע ארבייט קענען זיי יעצט ניט זאָגען דאָס זייער ערפאָלג איז גרויס. פיעלע העברעאישע טעגליכע, וועכענטליכע און מאָנאטליכע צייטשריפטען וועלכע ווערען ארויסגעגעבען אין רוסלאנד און עסטרייך האָבען אויך ניט געקענט אריינברענגען דאָס העברעאישע אלס טעגליכע שפּראכע פאר דיא אידען, און אין פערלויף פון דיא לעצטע פאָר יאהר זייט דיא רוסישע רעגיערונג האָט ערלויבט צו דרוקען זשארגאָנישע טעגליכע צייטונגען איז פאר דיא העברעאישע צייטונגען שווער צו עקזיסטירען. לעצטען זומער האָט מיר אין רוסלאנד א רעדאקטאָר פון א העברעאישער צייטונג, וועלכער האָט דרייסיג יאהר נאָכאנאנד שווער געקעמפפט געגען זשארגאָן, געזאָגט דאָס עס איז יעצט שווער צו קאָנקורירען מיט אידישע צייטונגען און דאָס ער וועט מוזען ארויסגעבען א זשארגאָנישע צייטונג.

דיא אידען אין אָסט אייראָפּא האלטען זיך אין זשארגאָן אלס אומגאנגס־שפּראכע פאר צוויי אורזאכען :

1. דער אָרטהאָדאָקסישער איד איז געוועהנליך שטארק קאָנסערוואטיוו, און האָט מורא אז יעדע נייע איינפיהרונג איז געפעהרליך פאר דיא רעליגיאָן. צוריק מיט פופציג יאָהר האָבען אידען געהאלטען יעדען וואָס פערשטעהט דייטש אָדער רוסיש צוגלייך מיט א משומד. אין דיא לעצטע 20 יאהר זייט דיא אידען האָבען געוואָלט לערנען רוסיש האָט דיא רעגיערונג זיי ניט ערלויבט צו בעזוכען דיא פאָלקסשולען און זיי האָבען געמוזט פערבלייבען מיט

זייער אידיש. דאָך מיט דעם ערוועקטען גייסט פאר בילדונג וועלכען מיר האָבען געזעהן דיא לעצטע 20 יאהר, האָבען דיא אידען אויך אָנגעפאנגען צו רעדען רוסיש. אין דיא גרויסע שטעדט פון רוסלאנד רעדען יעצט מעהרסטע אידישע יונגע לייט גוט רוסיש.

2. מען קען נאָר ערווארטען דאָס דער איד זאָל ענדערן זיין שפּראכע ווען דאָס פאָלק צווישען וועלכען ער לעבט האָט א העכערע קולטור. דאָס געוועהנליכע פאָלק אין רוסלאנד, גאליציען און רומעניען שטעהט פון שטאנדפּונקט פון קולטור פיעל ניעדריגער אלס דער איד. דאריבער וויל דער איד ניט פערבייטען זיין הויכע קולטור פאר דיא קולטור פון דומען המון, פון מוזשיק. . אין וועסט אייראָפּעאישע לענדער וואו דיא קולטור שטעהט הויך און דער איד קען האָבען דרך ארץ פאר דיא געלעהרזאמקייט פון קריסט האָט דער איד אויך אָנגענומען דיא שפּראכע פון לאנד וואו ער וואהנט. דאָסזעלבע זעהען מיר דאָ אין אמעריקא — דאָס ערשטע וואָס א איד טהוט איז צו ערלערנען דיא ענגלישע שפּראכע. אידישע קינדער געבוירען היער רעדען ענגליש אלס אומגאנגס־שפּראכע און פערשטעהען געוועהנליך אידיש אום צו קענען זיך דורכריידען מיט דיא עלטערן. דער דריטער דור פון אמעריקאנישע אידען בענוצען ניט מעהר קיין אידיש. דיא פיעלע אידישע צייטונגען ווערען דאָ געלעזען פון אימיגראנטען און ווען דיא אידישע אימיגראציאָן זאָל אויפהערען וואָלטען דיא אידישע צייטונגען פערשוואונדען אין פער־לויף פון צוואנציג אָדער דרייסיג יאָהר. (*) נאָך איין ערשיינונג דאָ אין אמעריקא איז ווערטה צו דערמאָנען. דיא ציוניסטען וועלכע בעצוועקען צו ערוועקען דיא אידישע קולטור דערציילען אונז דאָס זיי האָבען 100 פעראיינען מיט טויזענדער מיטגליעדער. דיא וויכטיגסטע אייגענשאפט פון אידישער קולטור איז דיא העברעאישע שפּראכע. דאָך האָבען מיר ניט קיין איינציגע העברעאישע צייט־שריפט. איינינע מאָל האָבען משכילים פערזוכט צו גרינדען א

---

*) דיא אידיש דייטשע אימיגראַנטען האבען אנפאַנגס אויך געהאט דייטשע צייטונגען. יעצט זיינען זיי אלע פערשוואונדען.

העברעאישע וואָכענבלאט אָדער מאָנאטשריפט און האָבען ניט גע־קענט אויסהאלטען לאנג.

דער אלטער אמת דאס דיא אידען האבען ניט קיין אייגענע שפּראכע זייט חורבן ירושלים, זייט זיי האבען פערלוירען זייער נאציאָנאלע אייגענטהימ־ליכקייט, וויעדערהאָלט זיך נאָך אַמאָל. ענגליש איז דיא שפּראכע פון אמעריקא־נער אידען. און אזוי וויא מיר קענען ניט ערווארטען דאָס אין אמעריקא זאָל דער אמאָליגער פאנאטיזמוס וויעדער אויפלעבען און אוועקהאלטען אידישע קינדער פון דיא פּאָלקס־שולען, אזוי מוזען מיר קומען צום שלוס דאס דיא מוטערשפּראכע פון צוקינפטיגען אידען אין אמעריקא וועט זיין דיא שפּראכע פון דער אמעריקאנער נאציאָן—ענגליש.

עס פרעגט זיך וועלכע שפּראכע ווילען דיא טעריטאָריאליסטען און דיא בונדיסטען זאָל דיא רוסישע רעגיערונג זיי ערלויבען צו ענוצען? אידיש, זשארגאָן? ווער לאָזט זיי דען ניט בענוצען דעם זשארגאָן? ווער האלט זיי צוריק צו רעדען, פּראָפּאגאנדירען, שרייבען, ארויסגעבען ביכער, צייטונגען און פּראָקלאמאציעס אין דיעזער שפּראכע? ווילען זיי אויך דאָס דער זשארגאָן זאָל בענוצט ווערען אין דיא פּאָלקס־שולען, אין דיא אידישע אוניווערסיטעטען? פון זייערע פּראָגראמען (טהיילוויז איבערגעדרוקט אין דער פּאָר־רעדע פון דיזען ביכעל) שיינט אז זיי ווילען עס. אין געריכטס־הייזער אין דער גאנצער וועלט זאָגאר אין רוסלאנד געפינען זיך אימער איבערזעצער און א איד וואָס קען בלויז רעדען אידיש, קען דורך דעם איבערזעצער רעדען וויא ער וויל. ווילען זיי אויך דאָס דיא ריכטער זאָלען רעדען אידיש, דאָס דיא דאָקומענטען זאָלען געשריעבען ווערען אין אידיש? וואָס וועט דיא איבריגע בעפעל־

קערונג זאָגען. אין דיא 25 גובערניעס פון דער „טשארטא אָסיע־דלאסטי" וואו דיא אידען זיינען אם דיכטעסטען קאָנצענטרירט געפינען זיך עטוואס וועניגער וויא פינף מיליאָן אידען צווישען 42,526,590 קריסטען, ד. ה„ בלויז אונגעפעהר עלף פראָצענט פון דער בעפעלקערונג פון דיעזע 25 גובערניעס זיינען אידען. זאָל מען דאריבער פיהרען אידישע רעגירונגס־ביכער, דאָקומענטען א. ד. גל. ? זאָגאר אין ווארשעווער גובערניע וואו דיא אידען זיינען אם דיכטעסטען זיינען דיא אידען בלויז 18 פראָצענט פון דער גאנצער בעפעלקערונג, ד. ה„ וועניגער וויא איין איד צווישען פיער קריסטען, אין דיא שטעדט וואו פיעלע אידען וואָהנען זיינען בלויז אין זעכצעהן שטעדט אין דער „טשארטא אָסיעדלאסטי" דיא אידען דיא מאיאָריטעט פון דער בעפעלקערונג, (אין בערדיטשעוו, פינסק, סלאָנים, סלוצק, מינסק, ביאלאָסטאָק, וויטעבסק, ברעסט ליטאָווסק, באברויסק, האָמעל, אומאן, ראוונא, באלטא, פּאָלאָצק, מאָהילעוו (פּאָדאָלסק) און ביעלציז (בעסאראביען) אין אלע איבריגע שטעדט זיינען דיא אידען דיא מינאָריטעט. קען מען ערווארטען דאָס דיא שולען, געריכטס־הייזער א. ד. גל. זאָלען בענוצען אויסשליסליך דיא אידישע שפּראכע ?

איך רעד וועגען דעם אויספיהרליך בלויז צו וויזען דיא אבסורדיטעט פון דיא פאָרדערונגען פון דיא נאציאָנאליסטען טעריטאָריאליסטען און „בונד". ביז ניט לאנג האָבען מיר געוואוסט דאָס בלויז דיא כלי קודש אין רוסלאנד האָבען מורא געהאט פאר פרעמדע שפּראכען און האָבען געהאלטען דעם זשארגאָן פאר א ספּעציפיש אידישע שפּראכע. יעצט אבער האָבען דיא זאָגענאנטע „פּראָגרעסיווע עלעמענטען" אויך פערלוירען זייערע קעפ רעדענדיג וועגען דער קולטור־פראגע. און עס וואָלט געווען א יושר דאָס זיי זאָלן דיא פראגע גענוי שטודירען איידער זיי מאכען אזעלכע נארישע און געפעהרליכע פאָרדערונגען.

נאָך א פראגע : דענקען דיא טעריטאָריאליסטען דאָס ענגלאנד וואָלט זיי געגעבען א „טעריטאָריע" ווען זיי זאָלען פאָרדערן שולען,

געריכטסהייזער א. ד. גל. אין וועלכע דער זשארגאָן ווערט אויס־שליסליך בענוצט אלס שפּראכע?

דיא „אידישע“ קולטור.

דאָס דער נאציאָנאלס־געפיהל פעהלט ביי אידען, און דאָס אפילו צווישען דיא אידען אין רוסלאנד פאנגט ער אויך אָן צו פערשווינדען, איז ניט קיין נייעס. פיעלע האָבען שוין דאריבער געשריעבען און גערעדט. צווישען דיא ציוניסטען האָט אחד העם אָרגאניזירט א שטארקע פּארטיי וועלכע האָט דעם ספּעציע־לען צוועק צו בעפערדערן דיא קולטורעלע ענטוויקלונג פון דיא אידען. זיי אנערקענען דאָס דיא מאָדערנע בילדונג פערפרעמדעט דיא אידען פון דער אידישער רעליגיאָן, געשיכטע און וויסענשאפט, וועלכע זיינען זעהר וויכטיג אונז צו ערהאלטען דעם נאציאָנאל־גייסט; דעם ציוניזמוס אָהן א אידישער קולטור האָט וועניג ווערטה. דיא וועלכע אגיטירען פאר דעם „קולטור־ציוניזמוס“, האלטען דעם פּאָליטישען ציוניזמוס פאר א קאלטע רפואה, אזוי לאנג דיא אידען זיינען ניט פאָרבערייטעט. „עס איז אומזיסט צו בעדעקען אונזער נאציאָנאלען אָרגאניזם מיט רפואה׳ס און פּלאס־טער, אזוי לאנג דאָס הערץ פון דער נאציאָן איז שוואך און קאלט“ האָט ניט לאנג געזאָגט פּראָפעסאָר פריעדלאנדער אין א פּאָרטראג, געהאלטען אין דער ניו יאָרקען אידישער טהעאָלאָגישער סעמינא־ריע, איבער אחד העם.

וואָס איז נעמליך א „אידישע“ קולטור אין צוואנציגסטען יאהרהונדערט? אין דיא לענדער וואו דיא אידען וואָהנען אָב־געזונדערט פון אלע אנדערע פעלקער, אין רוסלאנד, גאליציען, טירקיי א. ד. גל., האָב איך אָנגעצייגט דאָס דיא אידען לעבען מעהר אָדער ווענינער אונטער איין אייגענער נאציאָנאלער קולטור — זיי בענוצען א שפּראכע, מנהגים און זאָגאר געזעצע וועלכע זיינען אין גאנצען פערשיעדען פון דער שפּראכע פון זייערע ניט־אידישע שכנים. אין דיעזע לענדער ווערט געלערנט מעהר העברעאיש,

מעהר אידישע געשיכטע, מעהר תלמוד וויא אין אלע אנדערע לענ־
דער. אָבוואָהל אחד העם און זיינע נאכפאָלגער זיינען ניט צופריי־
דען און גלויבען דאָס דיא אידען וואָלטען מעהר בעדארפט לערנען
פון דיעזע ענינים, דאָך מוזען זיי צוגעבען דאָס אויב א „אידישע“
קולטור איז ווירקליך נויטווענדיג אום ארויסצובּרענגען פּראָ־
מינענט אידישע פעהיגקייטען, אידישען טאַלענט, זשעניע
א. ד. גל., אויבּ א „אידישע“ קולטור איז נויטיג אום צו מאַכען
פון דיא אידען אַ וויכטיגע און ניצליכע טהייל אין דער פּראָ־
גרעסיווסטער מענשהייטס־קולטור; אויבּ אָהן א אידישער
קולטור, אַזעלכע וויא מיר זעהען זיא יעצט אין מזרח־
אייראָפּאַ, וואָלט דיא מענשהייט אָרימער געווארען, דאַן
וואָלטען מעהרסטע אידישע גרויסע מענער, מעהרסטע אידי־
שע טאַלענטען און זשעניען בּעדארפט קומען פון דיא
געטהאָס אין רוסלאַנד, גאַליציען, רומעניען און טירקיי.

וויא זעהען מיר עס אבּער אין דער ווירקליכקייט?
וויפיעל האבּען דיא רוסישע, גאַליצישע און רומענישע אידען
בּייגעטראגען צור ליטעראַטור, קונסט און וויסענשאפט?
וויפיעל גרויסע, זשעניאַלע געלעהרטע און קינסט־
לער זיינען געבּוירען געווארען אין דיעזע לענדער, געקריגען
א׳ן אמת אידישע ערציהונג? קיינער חוץ פיעלייכט דעם
גרויסען קינסטלער אַנטאָקאָלסקי. ווער ווייסט ניט דאָס
זאָגאַר געלעהרטע אין אידישע ענינים שטאַמען ניט פון דיא
מזרח־אייראָפּעאישע לענדער, און דאָס אָבוואָהל אידישע
געשיכטע, דיא העבּרעאישע שפּראַכע און דער תלמוד ווערט
אין דיעזע לענדער געלערנט פיעל מעהר וויא אין אַנדערע לענ־
דער, דאָך זיינען דיא וויכטיגסטע שטודיען און ענדעקונגען
אידישע אַרכעאָלאָגיע, און איבּערהויפּט אין פילאָלאָגיע און
בּיבּעל־קריטיק געמאַכט געוואָרען פון מענער וועלכע זיינען
קיינמאָל אין דער געטהאָ ניט געוועזען — פון קריסטען.

נאָך מעהר, דיא גרעסטע אידישע מענער און פרויען
דיא קינסטלער און וויסענשאַפטס־מענער מיט וועלכע מיר

זיינען שטאָלץ, אויף וועלכע יעדער וואס רעדט וועגען אידען צייגט אָן אלס דער גרעסטער פּראָדוקט פון יודענטהום שטאַמען ניט פון לענדער וואו „אידישע" קולטור שטעהט זעהר הויך: בענעדיקט שפּינאָזא, היינע, בערנע, דיזראַעלי, מענדעלסאָהן־באַרטהאָלדי, מעיערבעער, ריקאַרדאָ, קאַרל מארקס, פערדינאַנד לאַסאַל און פיעלע אַנדערע זיינען ערצוי־גען און אויפגעוואקסען געוואָרען אונטער דער וועסט־אייראָפּעאישע קולטור. דאס ארטהאָדאָקסישע יודענטהום, דיא אידישע קולטור, דיא מיליאָנען אידען צווישען וועלכע דער זאָגענאַנטער „אידישער" גייסט איז אָם שטאַרקסטען ענטוויקעלט האט אונז קיין איינציגען מאַן ניט געגעבען וועלכער זאָל זיך קענען פערגלייכען מיט דיא אויבענדער־מאָנטע.

איך וויים דאָס מען וועט מיר ענטפערן דאָס דיא אונטערדריי־קונט פון דיא אידען אין אָריענטאלישע און האלב־אָריענטאלישע לענדער האָט אויך אויסגעלאָשען דעם אידישען גייסט, פערהינדערט דיא ענטוויקלונג פון אידישע קינסטלער און געלעהרטע, און ווען מען זאָל געוועזען עפענען דיא טהירען פון דיא פאָלקס־שולען, דיא אוניווערסיטעטען פאר דיא דאָרטיגע אידען וואָלטען מיר געוועזען נעקריגען גרויסע מענער. אמת; נאָר ווייסט איהר אז דערמיט אליין בעווייזט איהר דאָס דיא „אידישע" קולטור אליין איז ניט אימשטאנד צו שאפען אָדער זאָגאר ענטוויקלען זשעניען, קינסטלער געלעהרטע? דאָס בלויז אונטער דער מאָדערנער אייראָפּעאישער קולטור קענען זיך דיא אידען אויסצייכנען. אין אנדערע ווערטער — דיא ישיבה, דאָס בית המדרש, דיא ביבעל, דיא אידישע געשיכ־טע, אידישע טראַדיציאָנען א. ד. גל. זיינען ניט גענוג צו מאַכען גרויכע מענער; דיא אוניווערסיטעטען בעדאַרף מען דאצו. דיא בעסטע, גרעסטע און וויכטיגסטע אוניווערסיטעטען און אקאדעמיעס אין אייראָפּא און אמעריקא זיינען ניט רעליגיעזע אינסטיטוציאָנען; ניט סעקטאריש, וויא מען זאָגט אין ענגליש. עס איז גוט בעוואוסט דאָס דיא נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע אנזיכטען פון דיא פּראָפעסאָ־

רען אין דיא אוניווערסיטעטען האבען ווענינ, איך פערזענליך גלויב גאר קיין, איינפלוס אויף דיא ענטוויקלונג, אויף דיא צוקינפטיגע לייסטונגען פון דיא סטודענטען. ווען דיא נאציאנאלע און רעליגיעזע אנזיכטען פון דיא פראפעסארען וואלטען געהאט דיעזען איינפלוס וואלטען מיר געהאט זעהר ווענינ אנטיסעמיטען צווישען דיא דייטשע מעדיצינער ווייל זעהר א גרויסע פראפארציאן פון דיא פראפעסארען אין דיא מעדיצינישע פאקולטעטען אין דייטשלאנד זיינען אידען. עס איז אבער בעוואוסט דאס פיעלע דייטשע ערצטע זיינען אנטיסעמיטען.

פאר דיא גייסטיגע ענטוויקלונג פון אידען איז דער אידישער נאציאנאליזמוס דיא זאגענאנטע אידישע קולטור ניט נעטהיג. דיא אידישע קולטור האט געהאט א גרויסע מיסיאן צוויי טויזענד יאהר צוריק — צו פערשפרייטען מאנאטהעאיזם אויף דער וועלט. דיעזע מיסיאן איז ערפיללט געווארען. יעצט גלויבען בלויז רעפארם־ראבינער דאס דיא אידען האבען נאך אלץ א מיסיאן. מענשען מיט אפענע אויגען, מיט קלארע מוחות און געזונטען מענשענפערשטאנד זעהען ניט קלאר דיא לייסטונגען וואס א „אידישער נאציאנאליזמוס“, א „אידישע קולטור“ קען ספעציעל גיבען דער מענשהייט.

דער איד, באלד וויא מען בעפרייט איהם פון אויסנאהם־געזעצע, ווארפט אוועק דיא אידישע קולטור, דעם „אידישען גייסט“, און ווערט א בירגער אין דעם לאנד וואו ער וואהנט, שטרעבט צו דיזעלבע אידעאלען, דיזעלבע ענדציעלע וויא זיינע קריסטליכע מיט־בירגער. זעהט דעם אידען אין אמעריקא. דיא קינדער פון דיא רוסישע אימיגראנטען ווערען דא גוטע פאליטישענס, רעפובליקאנס און דעמאקראטס; דערציילען מיט פייער אויף דער פלאטפארמע וויא „אור־פאטהערס“ וואשינגטאן, פרענקלין, דזשעפערסאן א. ד. ג. האבען געקעמפפט פאר דער בעפרייאונג פון אמעריקא; זיינען שטאלץ אויף זייער אמעריקאנער „סיטיזענשיפ“ און רעכענען דאס קיין בעסערע לאנד, קיין בעסערע רעגיערונג גיבט גאר ניט אין דער וועלט. דאס זעלבע האט מען בעמערקט איז דער פאל פון דיא אידישע קינדער אין ענגלאנד, פראנקרייך, א. ד. גל. זיי ווערען

פראנצויזען און ענגלענדער אין קערפּער און גייסט, און רעדען וועגען „זייער“ ליטעראטור מיינענדיג דיא פראנצויזישע, אָדער ענגלישע ליטעראטור. אין רוסלאנד וועט מען זעהן דיא זעלבע ערשיינונג באלד וויא דיא אידען וועלען צוזאמען מיט דיא איבריגע רוסען בעפרייט ווערען פון דעם אבסאָלוטיזמוס. דיא „אידישע קולטור“ דער„ אידישער גייסט“ וועט ווערען דער רוסישער גייסט און קולטור.

שליסע.

1) **דיא אידען זיינען ניט קיין ריינע ראַסע.** דיא אידישע פראגע איז פאָלגליך ניט קיין ראסען־פראגע וויא דיא נעגער־פראגע, אָדער דיא מאָנגאָלען־פראגע. דיא אידען זיינען צוזאמענגעשטעלט פון כמעט אלע ראסען־עלעמענטען אין דער וועלט, פונקט וויא דיא בעפעלקערונג אין אלע לענדער אין דער מאָדערנער ציוויליזיר־טער וועלט. דיא אידען בעדארפען זיך בעמיהען צו איבערציינגען אלעמען דאָס זיי זיינען אייראָפּעער אזוי גוט וויא אלע אנדערע מענשען אין אייראָפּא און אמעריקא, און ניט „פרעמדע אזיאטען“ וויא דיא אנטיסעמיטען בעשולדיגען אונז.

2) **דיא אידען זיינען ניט קיין אבגעזונדערטע נאַציאָן און זאָגאר ניט קיין פאָלק.** זיי האָבען ניט אלע דיא זעלבע רעגיערונגס־פאָרם וויא א נאַציאָן אדער א פאָלק האָט געוועהנליך. פערקעהרט דיא אידען זיינען פערברייטעט איבער דער גאנצער וועלט, און זיינען אונטערוואָרפען דיא רעגיערונגען פון דיא לענדער אין וועלכע זיי וואָהנען. זיי האָבען ניט זייער אייגענע שפּראכע און בענוצען דיא שפּראכען פון דיא פעלקער צווישען וועלכע זיי לעבען. זיי וואָהנען ניט אין א בעשטימטען לאנד וויא א נאַציאָן טהוט; פערקעהרט — זיי זיינען א טהייל פון דיא נאַציאָנען פון כמעט אלע פעלקער אין אייראָפּא און אמעריקא.

3) די א איינציגע איינענשאפט וואס כאראקטעריזירט די א אידען איז די א רעליגיאָן. מען קען ניט רעדען וועגען א אידישער ראסע, פאָלק, אָדער נאציאָן, פונקט וויא מען קען ניט רעדען וועגען א קאטאָלישער, פראָטעסטאנטישער, מעטהאָדיסטישער, עוואנגעלישער א. ד. גל. ראסע, פאָלק אָדער נאציאָן. גראדע אזוי וויא מען רעדט און שרייבט וועגען דייטשע קאטאָליקען, פראנצויזישע פראָטעסטאנ־טען, אמעריקאנער באפטיכטס, ענגלישע קאטאָליקען, אזוי מוז מען אויך רעדען וועגען דייטשע, ענגלישע, איטאליענישע, אמעריקאנער א. ד. גל. אידען. אין אָריענטאלישע און האלב־אָריענטאלישע לענדער (טירקא, פערסיען, מאראָקאָ, רוסלאנד) וואו די א אידען האָבען ניט אלע רעכטע פון בירגער, האָבען זיי געוויסע אייגענשאפ־טען וועלכע סטיגמאטיזירען זיי אלס איין אָבגעזונדערטע נאציאָן, נאָר אין יענע לענדער זיינען אלע אנדערע מענשען וועלכע גלויבען ניט אין דער שטאאטס רעליגיאָן אויך ניט א טהייל פון דער נאציאָן. די א טערקען אנערקענען ניט קיין קריסט אלס „טערק", די א רוסען אנערקענען ניט די א מאהאָמעדאנער איינוואָהנער אין קאווקאז און זאָגאר די א שטונדיסטען, דוכאָבארצעס א. ד. גל. אלס רוסען. ווען אין אזעלכע לענדער וועט די א קירכע ווערען אָבגע־טהיילט פון דער רעגיערונג, וועלען אלע מענשען, אויך די א אידען, אנערקענט ווערען אלס גלייכבערעכטיגטע בירגער.

4) ווען מען רעדט וועגען „קולטור" מוז מען אונטער־שיידען צווישען רעליגיעזער־ און וועלט קולטור. די א זאָ־גענאנטע „אידישע" קולטור איז א רעליגיעזע קולטור, פונקט וויא צ. ב. ש. די א קאטאָלישע אָדער מאהאָמעדאנישע קולטור, און קען בלויז ענטוויקלען א מענשען פון רעליגיעזען שטאנדפונקט. די א אידישע קולטור קען אונז געבען גוטע רבנים און מאָראל־פרעדיגער. ווען מען רעדט אָבער וועגען דער מאָדערנער קונסט, ליטעראטור און וויסענשאפט מוז מען געדענקען דאָס די א אידישע קולטור האָט מיט דיעזען זעהר ווייניג שייכות, און דאָס פיעלע פעהיגע, זשעניען און טאלאנטען זיינען פערלוירען געגאנגען צווישען די א אידען אין

רוסלאנד ווייל מען האָט זיי ניט ערלויבט צו בעזוכען שולען און אוניווערסיטעטען וואו זיי זאָלען קענען געניכטען דיא פריכטע פון דער וועלטקולטור. אלע וואָס זיינען בלויז געווען אונטער דעם איינפלוס פון דער אידישער קולטור אין מאָדערנע צייטען האָבען וועניג בייגעטראָגען צום פאָרטשריט פון דער ליטעראטור, קונסט און וויסענשאפט. זאָגאר דיא פילאָלאָגישע און ארכעאָלאָגישע שטודיען און ענטדעקונגען איבער דער ביבעל און תלמוד זיינען געמאכט געוואָרען פון מענער וועלכע האָבען גענאָסען פון דער וועלט־קולטור — מהרסטענס פון קריסטען.

דאָס אלעס מוזען מיר געדענקען בעפאָר מיר געהען רעדען וועגען ציוניזמוס און טעריטאָריאליזמוס.

צווייטער אבשניט.

דער ציוניזמוס און טעריטאָריאַליזמוס.

אמאָל האָבען אידען געוואָרט אויף משיח'ן.

מיר קענען אלע דעם אלטען אידען אין רוסלאנד, גאליציען, רומעניען א. ד. גל. האלב-אָריענטאלישע לענדער וועלכע זיצען און וואַרטען ביז משיח וועט קומען און זיי ערלייזען פון שרעקליכען גלות, פון דער גרויזאמער רעגיערונג, פון דיא אויסנאהמס-געזעצע, פון דיא אונבארמהערציגע גובערנאטאָרס, פריסטאַווס און פאָליציסטען, פון דיא ווילדע און שכור'ע קאָזאקען און הוליגאנעס. א מענש וואָס טרענקט זיך וועט זיך אָנכאפּען אן א שטרוי מיט דער האָפנונג זיך צו רעטען. צוויי טויזענד יאהר פון אונאויפהערליכע ליידען און צרות, צוויי טויזענד יאהר פון פערפאָלגונגען צוויי טויזענד יאהר וואנדערונגען אין אלע טהיילען פון דער וועלט אָהנע צו געפינען א מקום מנוחה זיינען גענוג, מעהר וויא גענוג, אויפצו-וועקען מענשען צו זוכען א רפואה פאר דער מכה. ביז אונגעפעהר 30 יאהר צוריק האָבען זיך אידען געטרייסט: „מיר זיינען דאָך אין גלות" האָבען זיי געזאָגט, „מוזען מיר זאָגען גם זו לטובה אויף אלע-מען." זיי האָבען געוואָרט אויף משיח'ן וועלכער וועט זיי ער-לייזען פון זייערע צרות. דער אידעאל פון וואַרטען אויף משיח'ן איז געוועזען איינער פון דיא וויכטיגסטע וועלכער האָט בייגעטראָגען צו ערהאלטען דיא אידען; דיא האָפנונג וועלכע האָט פיעל בייגע-טראָגען דאָס דיא אידען זאָלען זיך האלטען פעסט אן זייער גלויבען צום טראָטץ פון גרויזאמע פערפאָלגונגען. פעלקער,

נאציאָנען און זאָגאר גרופּען מענשען מוזען האבען איין אידעאַל. א'ן אידעאל וועלכען מען קען קיינמאָל אָדער ניט אזוי שנעל אָדער לייכט ערגרייכען. דער אידעאַל פון די אידען פון אַלטען דור איז געווען משיח.

אין פערלויף פון דיא לעצטע 50 יאהר האָבען דיא שטראהלען פון דער מאָדערנער קולטער, פון קונסט און וויסענשאפט אויך אָנגעפאנגען אריינצושיינען אין דיא דונקעלע גהטעאָס אין אייראָפּא. דיא אידישע יוגענד האָט אָנגעפאנגען צו שטודירען פרעמדע שפּראכען, קונסט און וויסענשאַפט. און אלס איינער פון דיא וויכטיגסטע רעזולטאטען האבען זיי אָנגעפאנגען צו צווייפלען. זיי האבען אין זיך ענטדעקט מענשען גלייך מיט אלעמען; מענשען מעהר ענטוויקעלט פון דיא מוזשיקעס צווישען וועלכע זיי וואָהנען; מענשען וועלכע זיינען בערעכטיגט צו אלע פּאַרטהיילע וועלכע זייער שטאנד, זייערע פעהיגקייטען, זייערע שטרעבונגען בעאנשפּראכען זיי. נור וויייל זיי האָבען זיך ניט אויסגעקליבען זייערע עלטערן, וויייל זיי געהען אין סינאגאָגע און ניט אין קירכע, גיבט מען זיי ניט דיא געלעגענהייט זיך צו ענטוויקלען, שטערט מען זיי אין זייער אונטערנעהמונג. דאָ טאָר ער ניט וואָהנען, דאָרט טאָר ער ניט געהען; דיא פאָלקס־שולען, דיא אוניווערסיטעטען זיינען פערמאכט פאר איהם; פיעלע געשעפטען ערלויבט מען איהם ניט צו בעטרייבען א. ד. גל. און אלץ דארום וויייל ער איז א איד.

דער היינטיגער אידישער יונגער מאן וועלכער האָט עטוואָס געגאָסען פון מאָדערנער בילדונג קען זיך ניט טרייסטען דערמיט וואָס ער איז אין גלות; ער איז אונגעדולדיג צו ווארטען אויף משיח'ן. ער מוז זיך אָבער רעטען פון זיין אונגליקליכער לאגע. דער נאטירליכער משיח איז געקומען געראדע אין צייט — ציוניז־מוס, דיא צוריקקעהרונג פון דיא אידען קיין פאלעסטינא און דאָר־טען עטאבלירען א אידישע רעגירונג מיט איין ארמעע און פלאָטע וועלכע זאָל פערטהיידיגען זיינע אונטערדריקטע ברידער איז געוואָ־רען דער אידעאל צו וועלכען דער אונגליקליכער איד מוז שטרעבען. איך גלויב אז דאָס איז א גוטע ערקלערונג פון דער דורכשניט־

ליכער פסיכאלאגיע פון ציוניזמוס. דער מענש מוז האבען א אידעאל, איבערהויפט דער דענקענדער מענש קען אהן א'ן אידעאל ניט עקזיסטירען. דער אידעאל פון משיח איז פערשוואונדען, ער איז צו איבערנאטירליך. דער ציוניזמוס איז א נאטירליכער אידעאל. א דענקענדער מענש קען האפפען צו ערדייכען דעם צוועק פון ציוניזמוס און פיעלע אידען אין אסט איירָאפּא האבען זיך אן איהם אנגעכאפט וויא איינער וואס טרינקט זיך כאפט זיך אן אן א שטרוי.

איז פאלעסטינא גרוים גענוג פאר דיא אידען?

איך וויל מיך ניט אריינלאזען אין איינצעלהייטען איבער דער געשיכטע, ענטוויקלונג און מעטהאדען פון ציוניזמוס. יעדער איז יעצט בעקאנט דערמיט. איך וועל גלייך אנפאנגען מיט א קריטישען איבערבליק אויב דער ציוניזמוס איז דורכפיהרבאר.

לאמיר צוגעבען דאס דער טירקישער סולטאן האט אנערקענט דאס דיא אידען זיינען בערעכטיגט צו קריגען פאר זיך פאלעסטינא, און ער גיבט זיי עס איבער; דאס אידען פון אלע לענדער, איבערהויפט פון רוסלאנד און רומעניען, וואו זיי זיינען מעהרכטענס אונטערדריקט, עמיגרירען אין דיזען לאנד. וועט עס לייזען דיא אידישע פראגע? וועט עס פיעל פערגרינגערען דעם אידישען יאך?

איידער מענשען בעשליסען צו קאלאניזירען א פרעמדע לאנד אונטערזוכט מען פריהער דיא קלימאטישע, געאלאגישע און אגרי־קולטורעלע בעשאפענהייט פון לאנד און באדען. איך וואלט זעהר פיעל געקאנט שרייבען איבער דיעזער פראגע, און אנצייגען דאס מען מוז צום ביישפיעל ניט פערגעסען דאס דיא אידען האבען געלעבט אין רוסלאנד איניגע הונדערט יאהר, אונטער א קאלטען קלימאט און דאס עס וועט וואהרשיינליך ניט זעהר לייכט זיין פאר זיי זיך צוצופאסען צו דעם ווארעמען קלימאט אין פאלעסטינא. עס איז אויך א פראגע אויב דיא ערד, דער באדען, וועלכער איז פערנאכלעסיגט הונדערטע יאהרען קען יעצט אזוי לייכט ווערען ווידער אמאל א לאנד וואס קען געבען מילך און האניג. נאר דאס

אלעס וועל איך איבערלאָזען אויף א'ן אנדערס מאָל. איך וועל דערוויילע צוגעבען דאָס דיא אידען קענען זיך לייכט אקלימאטיזירען אין פאלעסטינא, און דאָס דער באָדען איז זעהר פרוכטבאר (אָבּ־וואָהל איך בין איבערציינט דאָס אלעס דיעזעס מוז מען צוערשט בעווייזען).

מען מוז ניט פערגעסען דאָס פאלעסטינא האָט יעצט נאָר קיין גרויס־אינדוסטריע ניט, און זעהר וועניג עקספאָרט. פון אגריקולטורעלען און אינדוסטריעלען שטאנדפונקט שטעהט דאָס לאנד זעהר ניעדריג. נאָר איך וועל, אום ניט צו פערנעהמען פיעל צייט, צוגעבען דאָס מען וואָלט עס געקאָנט ענטוויקלען אין דיזער הינזיכט, ווען טויזענדער ענערגישע מענשען, מיט דעם נייכט פון פיאָנערען, א גרויסער קאפיטאל און גוטע פערוואלטונג, זאָלען יאהרענלאנג שווער ארבייטען. זאָלען מיר זאָגען דאָס דיא ציוניס־טען האָבען דאָס שוין ערדייכט. פרעגט זיך איז פאראן גענוג פלאץ אין פאלעסטינא פאר אלע אידען וועלכע בעדארפען און ווילען אויסוואנדערן פון זייערע יעצטיגע היימאטהען? איך וועל ברענגען א פאָר ציפפערן וועלכע א ציוניסט, ארטהור רופפין, האָט אויסגערעכענט איבער פאלעסטינא. ווען פאלעסטינא זאָל מען ענטוויקלען צו אזא שטופע אויף וועלכער עס געפינען זיך יעצט דיא קריסטליכע באלקאן־שטאאטען (רומעניען, סערביען, בולגאריען, גריכענלאנד) וואָלט דאָס געווען גענוג צו פערזאָרגען אלע אידען, אָדער זאָגאר א גרויסע טהייל אידען? דיא לענדער וואָס מיר האָבען אויסגערעכענט פערנעהמען א שטח פון 131500 סקוועהר מיילען אויף וועלכע עס וואָהנען אונגעפעהר 13,500,000 מענשען, ד. ה., אונגעפעהר 100 מענשען פער א סקוועהר מייל. ווען מיר זאָלען אָננעהמען אז פאלעסטינא איז אונגעפעהר אזוי גרויס וויא בעלגיען, פערנעהמט א שטח פון אונגעפעהר 11500 סקוועהר מייל, און דאָס עס זאָל בעוואָהנט ווערען אזוי געדיכט וויא דיא אויבענדערמאָנטע פיער באלקאן־שטאאטען, דאַן וואָלטען אין פאלעסטינא געוואָהנט 1,100,000 מענשען, ד. ה., בלויז איין איד פון צעהן וואָלט דאָרט געפונען א מקום מנוחה.

מיר מוזען אבער ניט פערגעסען איז יעצט וואהנען אין פא־לעסטינא 500,000 מאהאמעדאנער און קריסטען, און זיי קען מען דאך ניט ארויסוואַרפען. מיר אידען האבען דאך אידישע הערצער, וועלכע זיינען נאך ניט פערגיפטעט מיט דער קריסטליכער מענשענליעבע. אידען קענען זיך ניט ערלויבען ארויסצו־וואַרפען תושבים פון א לאנד. וועט הייסט דאס פערבלייבען געניגענד פלאץ פאר בלויז 600,000 אידען, דאס הייסט בלויז אונגע־פעהר 5 פראצענט פון אלע אידען אין דער וועלט וועלען קע־נען געהען קיין פאלעסטינא. וואס וועט ווערען פון די איב־ריגע 95 פראצענט אידען? וועלען די רוסישע קאזאקען און הוליגאנעס ניט בעפאלען די אידען ווען פון די 6,000,000 וועלען אוועקפאהרען פינף פראצענט, 300,000 און 5,700,000 וועלען פערבלייבען? וועלען זיי די הוליגא־נעס שאנעווען? נאך אמאל — לאמיר זאגען דאס מען האט שוין עטאבלירט א אידישע רעגיערונג מיט 600,000 אידען וועלכע וואה־נען צווישען 500,000 פרעמדע, קריסטען און מאהאמעדאנער. וועט דאס צופריעדענשטעלען דעם אידעאל פון די ציונה ציון? שטעלט אייך פאר א רעגיערונג, א לאנד וואו די פרעמדע זיינען כמעט א העלפט פון די בירגער!

די ציונה ציון האבען אבער איין ענטפער: זייער פראגראם זאגט דאס פאלעסטינא אליין איז ניט גענוג, און זיי רעקאמענדירען דאריבער דאס אויך די נאכבאר־לענדער וויא סיריען, מעזאפאטא־מיען קליין־אזיען א. ד. גל. זאלען אויך זיין א טהייל פון דעם אידי־שען לאנד. וואָרום? וואס פאר א'ן אנשפרוך האבען די אידען אויף דיעזע לענדער? אין דער צייט פון אידישען גלאנץ האבען זיי זאגאר ניט רעגיערט איבער גאנץ פאלעסטינא. דער גאנצער שטח פון דער אידישער מלוכה האט פערנומען אונגעפעהר אזוי פיעל פלאץ וויא אונזער כטייט ווערמאנט. נאר ווען מיר זאלען אפילו צוגעבען דאס די אידען האבען א'ן אנשפרוך איבער מעזאפאטאמיען, סיריען און קליין־אזיען, און דאס דער טערק גיבט זיי עס אוועק בחנם, און

דאָס מעהרסטע אידען אין דער וועלט וואנדערען אוים אהין וואו די צִיטראָנען בליהען. וואָס וועט דאן זיין? וועלען דיא אידען קענען עטאבלירען א'ן אייגענע רעגיערונג? אין דיעזע לענדער וואָהנען יעצט אונגעפעהר 14,000,000 מענשען מאהאָמעדאַנער און קריסטען, וועלען זיי שווייגען? און אפילו ווען זיי זאָלען שווייגען, וואס וועט זיין ווען אונגעפעהר 10,000.000 אידען וואָהנען צווישען 14 מיליאָן פרעמדע? ווען דער פרעמדער עלעמענט איז דיא מאַיאָריטעט? מען קען זיך פאָרשטעלען וואָס פאר א שלום, וואָס פאר א פריעדען דיא אידען וועלען דאָרט האָבען. „וועל, זאָגען דיא ציוניסטען, זאָלען דיא אידען אויסקויפען דיא לאנד פון דיא קריסטען און מאהאָמעדאנער, און דאן וועלען מיר האָבען דאָס לאנד פאר זיך.“ אויף פאפיער קען מען אבקויפען לאנד אויף וועלכען 14 מיליאָן מענשען וואָהנען, אבער אין דער ווירקליכקייט גלויב איך וועט עס אויסקומען אביסעל שווערליך און צו טהייער, אפילו ווען דיא איינגעבאָרענע איינוואָהנער זאָלען איינווילינגען צו פערקויפען.

דיא ציוניסטען וועלען אויך ענטפערן דאָס פאלעסטינא אליין קען אויסהאלטען אלע אידען ווען מען זאָל דאָס לאנד ענטוויקלען, ווען מען זאָל אויך ענטוויקלען גוטען האנדעל און אינדוסטריע, און אידען זיינען דאָך פעהיג פאר האנדעל און אינדוסטריע. בעלגיען קען מען אָנצייגען איז ניט גרעסער, דאָך וואָהנען דאָרט 5,500,000 איינוואָהנער. דאָס וואָלט געווען אמת ווען עס וואָלט אזוי לייכט געווען צו ענטוויקלען אינדוסטריע און האנדעל אין א לאנד וועלכעס דיא טערקען האָבען פערנאכלעסיגט דורך הונדערטע יאהרען. דיא באלקאנשטאאטען וועלכע איך האָב אויבען אויסגערעכענט האָבען שוין לאנגע יאהרען געטרייעט צו ענטוויקלען א'ן אייגענע אינדוסטריע, און האָבען עס נאָך ניט געקענט ערדייכען. רומעניען און בולגאריען האָבען א פיעל בעסערע נאטירליכע לאגע, פיעל בעסערע וועגען, אייזענבאהנען, טייכען אויף וועלכע עס איז מעגליך ארומצו־שווימען מיט שיפען, און פראכטפאלע האפענס אויפ'ן שווארצען מעער. פאלעסטינא איז פונקט פערקעהרט — עס

האט ניט קיין איינציגען שטראם אויף וועלכען שיפען זאלען קענען שווימען און האט קוים איין האפען וועלכער קען בענוצט ווערען.

האבען מיר פאסענדע אידען צו קאלאניזירען איין אונענטוויקעלטעם לאנד?

לאמיר ווייטער בעטראכטען: אום צו ענטוויקלען א לאנד, איבערהויפט א פערנאכלעסיגטע לאנד בעדארף מען האבען פיאנירען, מענשען וועלכע זיינען ענערגיש מיט גוט ענטוויקעלטע מוסקולען וועלכע זיינען פערטיג זיך אויפצואפפערן וויסענדיג דאס זיי אליין וועלען וואהרשיינליך ניט געניסען די פרוכט פון זייער ארבייט; דאס אלעס וואס זיי קענען ערווארטען איז דאס זייערע קינדער און וואהרשיינליך זייערע אייניקלעך וועלען ערשט געניסען דיא פריכטע. דאס איז געוועזן דער פאל מיט דיא ערשטע אימיגראנטען אין אמעריקא, אויסטראליען און אפריקא. ווען מען ערלעזט וואס דיעזע מענשען זיינען אויסגעשטאנען ווערט מען ערשטוינט איבער זייער גערולד און אפפערוויליגקייט. האבען מיר צווישען אידען אזעלכע מענשען?

וואו האבען מיר אזעלכע? אין דייטשלאנד, פראנקרייך, איטאליען, אמעריקא? אין דיעזע לענדער האבען מיר קיינע אידישע אקערבויער; אין פראנקרייך, איטאליען, בעלגיען, שווייצאריען א. ד. גל. האבען מיר זאגאר וועניג אידישע ארבייטער — מעהרסטע אידישע איינוואהנער זיינען געשעפטסלייטע, באנקירען, געלעהרטע א. ד. גל. און זעהר וועניג בעלי מלאכות. מען מוז אויך געדענקען דאס דיא אידען אין דיעזע לענדער זיינען ניט אזוי שרעקליך אונטערדריקט, דאס זיי האבען מעהר אדער וועניגער פרייהייט; דאס זיי האבען זיך צוגעפאסט צו דער קולטור פון דעם לאנד און

האלטען זיך א טהייל פון דעם פאלק אין וועלכען זיי וואהנען. עקאנאמיש אויך זיינען דיא אידען אין דיזע לענדער גוט אב, פיעל בעסער וויא דער דורכשניטליכער קריסטליכער איינוואהנער. זיי זיינען ניט קיין ציוניסטען און ווילען ניט פאהרען קיין פאלעסטינא זאגאר ווען מען זאל זיי געבען אלע בעסטע געלעגענהייטען און פאר־ציגע, זיי זיינען מעהר אדער ווענינער צופריעדען מיט דיא לענדער וואו זיי וואהנען יעצט.

מען מוז פאלגליך ערוואַרטען דאס פאלעסטינא זאל קאלאניזירט ווערען פון אידען פון אסט אייראפא, פון רוסלאנד, רומעניען און גאליציען. לענדער וואו דיא עקאנא־מישע לאגע פון דיא אידען איז אונערטרעגליך; לענדער וואו דיא אידען זיינען אונצופריעדען מיט דיא בעהאנדלונג וואס זיי קריגען פון זייערע קריסטליכע שכנים; לענדער וואו דיא אויסנאהמס־געזעצע געגען אידען זיינען שרעקליך און נעפעהרליך. האבען מיר פאסענדע אידען אין דיזע לענדער צו קאלאניזירען, צו ענטוויקלען א פער־נאכלעסיגטע לאנד? האבען מיר צווישען דיא אידען אין רוסלאנד, רומעניען און גאליציען מענשען וועלכע מען רופט אין מאדערנע שפראכען „פיאנערען“?

אום צו ענטוויקלען א לאנד זאגען אונז מענשען וועלכע זיינען בעקאנט אין דיזע ענינים, בעדארף מען האבען א בעפעלקערונג וועלכע זאל בעשטעהן פון פיער־פינפטעל ערד־ארבייטער וואס זיינען פעהיג, און האבען דעם ווילענסקראפט צו בעארבייטען דיא ערד און איין פינפטעל וואס זאלען זיך בעשעפטיגען מיט אנדערע ארבייטען און געשעפטסלייטע. מיר מוזען ניט פערגעסען דאס דאס אידישע לאנד מוז קאנקורירען אין וועלט־מארק מיט אייראפא און אמעריקא, און דערצו נאך מוזען זיי בויען לאנד־שטראסען, אייזענבאהנען, האפענס א. ד. גל. אום ווען־עס־איז צו קענען ברענגען זייערע פראדוקטען אין וועלטמארק.

וואו וועלען מיר אלזא נעהמען אזעלכע אידען? ווער

וויכטיג דאָס ניט דאָס 70 פּראָצענט פון אַלע אידען אין רוסלאַנד, רומעניען און גאַליציען בעשעפטיגען זיך מיט האַנדעל מיט ביזנעס, וויא מיר רופען עס; זיינען קאָנטראַקטאָרס, אונטערנעהמער, קלאָירקס, בוכהאַלטערס. בלויז 20 פּראָצענט זיינען האַנדווערקער און אַרבייטער; בלויז איין פּראָצענט זיינען אַקערבויער און ניין פּראָצענט זיינען לופט-מענשען, פּראָפעסיאָנעלע מענשען, ערצטע אדוואָקאטען, זשורנאַליסטען א. ד. גל. וואו וועלען מיר נעהמען דיא אַקערבויער צו ענטוויקלען פּאַלעסטינא אָדער זאָגאַר יעדעס אַנדערעס לאַנד וואָס דיא טעריטאָריאַליסטען וועלען פאַר אונז אויסקלייבען? אויף דער גאַנצער וועלט געפינען זיך ניט קיין 10,000 אידישע פאַמי־ליען וואָס בעשעפטיגען זיך אויסשליס־ליך מיט אַקערבוי, און אפילו דיעזע וועלען דאָך אַלע ניט אוועקוואַרפען זייער אייגענטהום, זייער ענטוויקעלטע לאַנד און פאָרדען אלס פּיאָנערען אויף וויכטען לאַנד.

קענען שטאָדט-מענשען ווערען אַקערבויער?

ווֿעל, ענטפערן דיא ציוניסטען און טעריטאָריאַליסטען, מיר אידען זיינען א וואונדערבאַר פאָלק, מיר קענען זיך לייכט אויס־לערנען אַקערבוי, מיר קענען זיך צופּאַסען צו אַלע אומשטענדען, איינע פון אונזערע וויכטיגסטע אייגענשאַפטען איז דאָך דאָס מיר (אידען) קענען זיך צו אַלעמען צופּאַסען. מיר זיינען אויך פּראָ־גרעסיוו, און מיר וועלען פאָלגליך אָנווענדען דיא לעצטע וויסענ־שאַפטליכע מעטהאָדען אין אַקערבוי; מיר וועלען עפענען אַקער־בוי־שולען און לערנען דיא אידען וויסענשאַפטליכע אַגריקולטור. מיט דער צייט וועלען מיר אויף אַזא אופן קריגען א גענוגענדע צאָהל אידישע אַקערבויער.

ערשטענס וויל איך אָנצייגען דאָס פיזיש זיינען דיא אידען ניט פעהיג אַזוי שנעל צו ווערען אַקערבויער, צו גראָבען, אַקערן און זייען. דער 2 טויזענד יאָהריגער

גלות האָט זיינע פּאָלגען. צוויי טויזענד יאהר האָבען דיא אידען געוואָהנט אין שטעדט; צוויי טויזענד יאהר האָט מען טהיילווייז זיי ניט ערלויבט און טהיילווייז זיי אונמעגליך געמאכט צו זיין אקער־בויער און זיי האָבען געמוזט זיך בעשעפטיגען מיט האנדעל, מיט געלדוועקסעל א. ד. ג. אין פערלויף פון יאהרהונדערטע האָבען דיא אידען געוואָהנט בלויז אין שטעדט, מעהרסטענס גרויס־שטעדט און זעהר זעלטען אויפ'ן לאנד. דער טענדענץ פון דער יעצטיגער ציווי־ליזירטער בעפעלקערונג איז צו פערלאָזען דאָס לאנד און צו געהן אין שטאדט. דיא אידען זיינען ציוויליזירטע מענשען וועלכע קענען ניט און ווילען ניט ארבייטען אויף דעם לאנד. קומען ציוניסטען און זאָגען אז זיי וועלען אין גאנצען איבערמאכען דיא אידען באלד וויא דער טערק וועט זיי ערלויבען אריינצוקומען אין פּאַלעסטינא; קומען טעריטאָריאליסטען און זאָגען אז זיי וועלען מאכען אידען פאר אקערבויער, פאר לאנד־בעוואָהנער, באלד וויא ענגלאנד וועט זיי אָבגעבען עפּיס א וויסטע, ווילדע שטיקעל לאנד אין אפריקא, אויסטראַליען אָדער קענעדע. זיי וועלען באלד מאכען פון דעם שוואכע אידען מיט זיינע פערוועלקטע מוסקעלען א גוטען קרעפ־טיגען ערד־ארבייטער. אויף פּאפּיער קען מען דאָס לייכט מאכען. דער פערשטאָרבענער דר. הערצל האָט דאָס אלעס בעשריעבען אין זיין „אלט נייַלאנד"; זאנגוויל האָט אונז אין א פּאָרטראג פאר א יאהרען אויסגערעכענט וואו ער וועט נעהמען אקערבויער, האנד־ווערקער, מיליטער א. ד. ג. פאר דער אידישער טעריטאָריע. אויף פּאפּיער האָט דאָס אויסגעזעהן זעהר שעהן, אבער וויא וועט עס זיין אין דער ווירקליכקייט?

אין דער גאנצער געשיכטע פון דער מענשהייט געפינען זיך ניט קיינע פעלע וואו א גרויסע מאסע שטאדט־מענשען זאָלען זיך פּלוצים נעהמען צו ערד־ארבייט און מאכען איין ערפאָלג. דער שטראָם פון דער ציוויליזירטער מענשהייט געהט וויא איך האָב שוין געזאָגט, פערקעהרט — פון לאנד צור שטאדט. אלע דיא יעניגע וועלכע מיינען דאָס זיי קענען דיא אידען וואָס זיינען שוין זייט צוויי טויזענד יאהר שטאדט־מענשען, פּלוצים פערוואנדלען

אין בויערן, דאָרפס־מענשען, ערד־ארבייטער, זיינען טרוימער, אוטאָפּיסטען.

ווער געדענקט ניט דיא אידישע קאָלאָניעס אין פערשיעדענע טהיילען פון דיא פעראייניגטע שטאאטען? מעהרכטע אידען וועלכע האָבען געגרינדעט דיא ערשטע קאָלאָניעס זיינען געוועזען אידעאליסטען, מענשען מיט בילדונג, מיט פּרינציפּען. באלד נאָך דיא פּאָגראָמען אין רוסלאנד אין 1881, ווען דער גייסט פון נאציאָנאליזמוס איז ערוועקט געוואָרען אין דיא אידען, האָבען פיעלע וועלכע זיינען שטאָלץ געוועזען אויף זייערע פעהיגקייטען, וועלכע האָבען געהאט מעהר ענערגיע וויא דער געוועהנליכער איד, בעשלאָסען דאָס זיי מוזען ווערען אקערבויער. קומענדיג אין אמעריקא האָבען זיי ניט געוואָלט פערבלייבען אין דיא שטעדט נאָר זיי האָבען געוואנדערט ווייט אין דיא וועסט און סויטה און דאָרטען געגרינדעט קאָלאָניעס. איך וויל ניט פערנעהמען פיעל פּלאַץ צו בעשרייבען דיא אורזאכען ווארום זיי האָבען ניט געהאט קיין ערפאָלג. איין זאך וויל איך נור ערמאינערן — אלע קאָלאָניעס זיינען אונטערגעגאנגען. אייניגע קאָלאָניעס וואָס מען רעכענט דאָס זיי עקזיסטירען נאָך עד היום זיינען פערוואנדעלט געוואָרען אין באָרדינג הייזער וואו יעדען זומען קומען ארוים אידען פון ניו יאָרק אויף „וואקיישען“. אָהן די זומער־באָרדערס וואָלטען מעהרסטע אידישע פארמער אין קאָנעקטיקוט ניט געקענט עקזיסטירען. דיא פארמערס אין ניו דזשוירזי האָבען נאָך בעסער געטהאן — זיי האָבען אריינגעקריגען סוועטינג שעפּער און ארבייטען מעשים מאַכענדיג רעק, הויזען, העמדער א. ד. גל. עס זיינען פאראן אויך פיעלע אויסנאהמען — אין פיעלע פעללע זיינען אידען פערבליעבען פארמער. נור מען מוז ניט פערגעסען דאָס דער איד, זאָגאר ווען ער אליין בעשליסט זיך צו זיין אין אקערבויער, דאָך ווען עס קומט צו זיינע קינדער וויל ער זיי ניט ערציעהען אויפ'ן פעלד. מעהרסטע אידישע פארמער געבען זייערע קינדער א גוטע ערציהונג

און ווען זיי וואקסען אויס געהען זיי אין די שטעדט. אלע וואס זיינען בעקאנט מיט דעם אידי־שען פארמער־לעבען אין אמעריקא, אנערקענען דאס מען קען ניט ערוואַרטען אידישע פארמער־פאמיליעס, פון דור צו דור אין אמעריקא.

אין פאלעסטינא געפינען זיך אונגעפעהר 700 אידישע אקערבויער פאמיליעס. ווער ווייסט ניט וויא פיעל מיה און געלד עס האט אבגעקאסט דיא אידען פון דער גאנצער וועלט צו ברענגען דיעזע פארמער אויף איין אונאבהענגיגער שטופע. זיי זיינען אבער נאך ניט גליקליך ; נאך אלץ ניט אונאבהענגיג און מען האלט נאך אלץ אין איין שרייבען אויפ־רופע אין אלע אידישע צייטונגען, רעדען אויף אידישע פלאט־פארמען, בעטען ביי אידישע גבירים צו העלפען די ארימע קאלאניסטען. צוואנציג יאהר הילפע פון יודענטהום אין דער גאנצער וועלט האט ניט געקענט מאכען אונאבהענגיג 700 אידישע פארמער־פאמיליען. וויפיעל יאהרען, געלד, ארבייט און מיה ועט עס קאסטען צו קאלאניזירען א האלבען מילליאן, א מילליאן אדער מעהר אידען אין פאלעסטינא, אדער א „טעריטאריע” וועלכע ענגלאנד ועט אונז שענקען?

איינער בעדארף לעזען איבער אנדערע פעלקער וועלכע זיינען פערפאלגט געווארען פאר זייער גלויבען, פאר זייערע איבערצייגונגען אום צו זעהען דעם אונטערשיעד צווישען אידען און קריסטען אין דער הינזיכט פון קאלאניזאציאן. דיא הוגענאטען, .דיא קוויקערס און דיא דוכאבארצעס זיינען גוטע ביישפיעלע. דיא דוכאבארצעס האט דיא רוסישע רעגיערונג אונטערדריקט פונקט אזוי אונבארמ־הערציג און פיעללייכט נאך גרויזאמער וויא דיא אידען. פלוצים האט מען זיי אין אנפאנג פון לעצטען יאהרהונדערט פערשיקט אלע קיין קאווקאז. אין פערלויף פון א פאר צעהנדליג יאהר האבען זיי ענטוויקעלט דיא וויסטע און פערנאכלעסיגטע לאנד און האבען זיך גאנץ גליקליך געלעבט, אבוואהל זיי זיינען אונטערדריקט געווען פון דער רוסישער רעגיערונג און אויך פון דיא האלב־ווילדע בערג־

שטעממע אין קאווקאז. זיי וואָלטען דאָרט פערבליבען ווען דיא רעגיערונג וואָלט זיי ניט געטויטה מיט געוואלט צו געהן דיענען אין מיליטער. אָט האָט איהר דעם אונטערשיעד צווישען צוויי גרופען פערפאָלגטע מענשען — איין גרופע דיא א י ד ע ן וועלכע זיינען שטאדט־מענשען און קענען ניט ווערען אקערבויער. זאָגאר ווען מען האָט זיי געהאָלפען מיט ראטה און טהאט האָבען זיי ניט געקענט אויסהאלטען דיא קאָלאָניעס אין אמעריקא; און אין פאלעסטינא, וואו זיי האָבען ניט וואוהין צו אנטלויפען אין גרויסע שטעדט זיינען זיי נאָך אלץ ניט גליקליך. דיא דוכאָבאָרצעס וויעדער זיינען נאטירליכע ערד־ארבייטער, מענשען וועלכע זיינען דור דורות געווען פארמערס און ווילען איבערהויפט דאריבער ניט וואָהנען אין שטעדט.

דער שטראָם פון דיא ציוויליזירטע בעפעלקערונג אין אייראָפּאַ און אַמעריקאַ איז יעצט פון לאַנד אין שטאדט. דיא אידען זיינען ציווילזירטע מענשען; האָבען כמעט צוויי טויזענד יאהר געוואָהנט אין שטעדט. ווער עס דענקט דאָס ער קען זיי איבערמאַכען אין א קורצער צייט פון שטאדט־בעוואָהנער אויף לאַנד־בעוואָהנער האט א גרויסען טעות.

קענען זיך אידען אייגענען אין זייער אייגענעם שטאַאט?

דיא טירקישע רעגיערונג האָט שוין בעשלאָכען אוועקצוגעבען פאלעסטינא, און לאָמיר זאָגען סיריען, מעזאָפּאָטאמיען און קליין־אזיען צו דיא ציונה ציון; אָדער דיא ענגלישע רעגיערונג האָט שוין אָנגעצייגט א גוט שטיק לאַנד אין אָסט־אפריקא, אין זיד־אפריקא, אין אויסטראליען אָדער קענעדע; אָדער דיא רעגיערונג פון דיא פעראייניגטע שטאאטען האָט שוין אוועק געגעבען א גרוי־סען סטייט פאר דיא טעריטאָריאליסטען. דיא טעריטאָריאליסטען האָבען געשיקט א קאָמיסיאָן פון געלעהרטע וועלכע האָבען אויסגע־פאָרשט דאָס לאַנד און זיי האָבען בעריכטעט דאָס עס איז פאסענד פאר דיא אידען. עס איז א שמחה, א פרייד. דיא אידען האָבען

א'ן אייגען לאנד, וועלכעס מען מוז קאָלאָניזירען. וואו וועט מען נעהמען דיא אידען צו געהן אהין? פון וועלכען לאנד ערוואַר־טעט מען דיא אידען צו געהען אין דער אידישער טעריטאָ־ריע? מסתמא פון רוסלאנד און רומעניען וואו דיא אידען זיינען פערפאָלגט און אונטערדריקט, ווייל מען קען דאָך ניט ערווארטען, וויא איך האָב שוין פריער אָנגעצייגט, דאָס דיא אידען אין דייטש־לאנד, פראנקרייך, איטאליען א. ד. גל. זאָלען וועלען אוועקווארפען זייערע געשעפטען וועלכע בעצאהלען זיך יעצט גאנץ גוט. אין דיעזע לענדער איז דיא עקאָנאָמישע לאגע פון דיא אידען זעהר צופרידענשטעלענד. דיא אידישע אימיגראנטען אין ענגלאנד און אמעריקא האָבען זיך אויך ניט פיעל צו בעקלאָגען. זיי לעבען פריי, האָבען אלע געלעגענהייטען צו טהון וואָס זיי ווילען, און פון עקאָנאָמישען שטאַנדפונקט קענען זיי זיך אויך ניט בעקלאָגען. בלייבט אלזאָ רוסלאנד, רומעניען און פיעלייכט אויך גאליציען פון וואנען מען קען ערווארטען צו קריגען אידען פאר דעם אידישען לאנד. דאָס גיבען אויך צו דיא מעהרסטע ציוניסטען וועלכע זאָגען דאָס א אידישע לאנד בעדארף מען ניט האָבען פאר דיא אידען אין וועסט אייראָפּא אָדער אמעריקא, מען בעדארף עס בלויז פאר דיא מזרח אייראָפּעאישען אידען.

אלזאָ, וועלכען סאָרט אידען ערווארטען דיא ציוניסטען און טעריטאָריאליסטען? דיא פרומע, אבערגלויבישע חסידים, דיא קרעמער, דיא פּראָצענטניקעס, דיא „לופט־מענשען" פון דיא קליינע שטעדטלעך אין רוסלאנד און פוילען, דיא חסידים אין גאליציען? אָדער פיעלייכט דיא אינגערע ארבייטער וועלכע זיינען יעצט שטארק אָנגעשמעקט מיט סאָציאליזמוס און זיינען טיכטיגע מיט־גליעדער אין אזעלכע אָרגאניזאציאָנען וויא דער בונד? און אפשר גאָר דיא אידישע יוגענד, וועלכע אגיטירט יעצט זעהר אייפריג דעם ציוניזמוס און דעם נאציאָנאליזמוס, דיא סטודענטען, דיא משכילים דיא פּראָפעסיאָנעלע אידען — אדוואָקאטען, ערצטע אינזשענרען, זשורנאליסטען א. ד. ג?

יעדער וועט צוגעבען דאָס דיא אָרטהאָדאָקסען, די חסידים,

דיא קרעמער, וואוכערערס א. ד. ג. זיינען ניט קיין גוטער מאטעריאל פאר קאָלאָניזאציאָן. זיי האָבען אין זיך ניט דיא אייגענשאפטען וועלכע מען בעדארף אום צו זיין א „פיאָנער״ אין א נייע לאנד. פיזיש זיינען זיי ניט פעהיג צו ארבייטען א טאָג; זאָגאר דיא פון זיי וועלכע זיינען, וויא מען זאָגט, „אָבגעפרעסען״ און שיינען צו זיין געזונד און פעהיג צו ארבייטען זיינען ניט קיין גרויסע בעלנים צו שוויצען ביי א ווערקשטאט, אָדער צו גראָבען ערד מיט דיא האָפּ־נונג דאָס מען וועט איה״ש ארויסקריגען ברויט. זעהר ווייניג פון דיעזע ארבייטען אין אמעריקא — זיי זיינען דאָ אויך לופט־מענשען. און ווען זיי מוזען פון נויטה ווערען ארבייטער נעהמען זיי זיך געוועהנליך צו א לייכטע ארבייט. ווייסט איהר ווארום עס געפינען זיך אזוי פיעל שניידער, ביגלערס, קעפּמייקערס, שוסטערס, א. ד. גל. צווישען אידען? איינפאך דארום ווייל מעהרסטע אידען האָבען ניט גענוג כח צו ארבייטען שווערע ארבייט. הונדערטע יאהרען פון צרות און פערפאָלגונגען האָבען דעם אידען געבראכד־מארקט מיט שוואכע מוסקעלן אז ווען ער וויל זאָגאר יעצט ארביי־טען שווער האָט ער קיין קרעפטען ניט, און ער מוז זיך נעהמען צו לייכטער ארבייט, צו ארבייט וועלכע בעדארף ניט קיין מוסקעלן — שניידעריי, שוסטעריי, א. ד. ג. איך האָב דאָס שוין אמאָל בעוויזען אין איינעם פון מיינע ווערקע איבער דיא פיזישע בעשאפענהייט פון דיא אידען. *) נאָך מעהר, דיזער קלאס אידען זיינען אימער

---

*) אַ בעמערקענסווערטהע בעאָבאַכטונג האב איך געמאַכט אין דיזער היגזיכט אין ניו יארק. פיעלע אידישע קרעמערלעך און לופט־מענשען פון רוסלאַנד און גאַליציען קומען אַהער און פאַנגען אן צו ארבייטען. אויב זיי נעהמען זיך צו שניידעריי (אלס אפּרייטארס און פינישערס פון קליידער, העמדער, קעפּס א. ד. גל.) איז נאך צו דערליידען. זיי קענען ארבייטען עטליכע יאהר; ווען זיי ווערען אבער עלטער, איבער פערציג, קענען זיי שוין ניט מעהר ארבייטען. „איך בין שוין אויסגע־ארבייט, איך זיץ שוין צעהן יאהר ביים מאַשין", זאגען זיי. און זיי האבען רעכט — פון מעדיצינישען שטאַנדפּונקט געפינט מען זיי אונ־

יעווען געגען פראַגרעס, געגען פאָרשריט. זיי זיינען אימער געווען ביטערע פיינדע פון מאָדערנע קולטור. זיי בעדארפען בלויז האָבען א חסידישען רבי'ן, קלייזלעך, ישיבות, בתי מדרשים. זיי קעמפפען אימער געגען דיא „דייטשע" ביכלעך, געגען פרעמדע שפּראכען. הערצל איז זיין „אלטניילאנד" ערוואַרטעט דאָס דיא אידישע רעגיערונג זאָל זיין דיא פאָרטגעשריטענסטע אין דער וועלט. אלעס וואָס מען קען אָבער ערוואַרטען פון דיעזע אידען איז דאָס זיי וועלען אריינברענגען זייער אייגענע קולטור, זייערע אייגענע זיטען און מנהגים און נייען לאנד. און דיעזע זיינען זעהר פיינדליך צו מאָדערנע רעגיערונגען. א גוטען ביישפּיעל וואָס דיעזע סאָרט אידען קען לייסטען אין א פרייע לאנד האָבען מיר געהאט ניט לאנג אין ניו יאָרק. אין דער ישיבה פון יצחק אלחנן האָבען דיא „סטודענטען" געמוזט סטרייקען אום צו קריגען ערלויבנים צו לערנען ענגליש. דיא מלמדים (פּראָפעסאָרען) האָבען געזאָגט דאָס א אידישער רב בעדארף ניט פערשטעהן קיין ענגליש. לשון הקודש איז גענוג און אידיש קענען דאָך דיא סטודענטען. ענגליש וועט זיי נאָך אראָבפיהרען פון דרך הישר. דאָס איז אין אמעריקא, א לאנד וואו דיעזע פינסטערלינגע האָבען ווייניג מאכט. וויא וועט זיין

פעהיג צו ארבייטען. דיזער סארט אידען ווערען אַלט צו פריה, פיעלע נאך איידער זיי ווערען פיערציג יאהר אלט. אזעלכע אידען זיינען געוועהנליך פעדלער, און דערביי האבען זיי יעצט אויך ווייניג ערפאלג. ווען זיי נעהמען זיך אבער צו שווערע ארבייט, קריגען זיי אפט א לייסטען־ברוך און מוזען סטאַפּען ארבייטען. צווישען איטאַליענישע אימיגראַנטען, וועלכע זיינען צו הויז געווען ערד־ארבייטער, זעהט מען דאס ניט. זיי קריגען זעלטען לייסטען־בריכע, און קענען ארבייטען שווער, טראגען שטיינער, ציעגעל, גראבען א. ד. גל. ביז איבער פופציג יאהר. דיעזע אידען זיינען אויך דיא יעניגע וועלכע דיא טעריטאריאַ־ליסטען וואלטען געקריגען מאסענווייז אין דער „אידישער טעריטאריע". ווי אַזוי אזעלכע אידען וואלטען געקענט ענטוויקלען א וויסטע לאַנד קען איך ניט בעגרייפען.

מיט אזעלכע אידען אין זייער אייגען לאנד? ווען זיי ערלויבען זייערע רבנים צו לערנען „פרעמדע" שפראכען? וועלען זיי ערלויבען זייערע קינדער לערנען פרעמדע שפראכען? זיי האָבען דאָך איין האָפנונג — זייערע קינדער זאָלען זיין רבנים, און רבנים דארפען דאָך ניט פערשטעהן קיין „פרעמדע" שפראכען.

נון וועט מען נעהמען דיא יונגע לייט, דיא סטודענטען, דיא משכילים, דיא געלעהרטע. זיי זיינען דאָך ענטהוזיאסטישע נאציאָנאליסטען, טעריטאָריאליסטען, זיי זיינען דאָך פעהיג און פערטיג אלעס צו אָפפערען פאר זייער אידעאל. ווער עס דענקט אז א לאנד קען עקזיסטירען פון בלויז געלעהרטע האָט א גרויסען טעות. עס איז אמת דאָס מען בעדארף זיי האָבען, עס איז אמת דאָס מען קען זיך אָהן זיי ניט בעגעהן. עס איז אבער נאָך וויכטיגער דאָס אין א נייען אונענטוויקעלטען לאנד זאָלען קומען פראָסטע מענשען מיט געזונטע מוסקעלן וועלכע ערווארטען וועניג פאר זייער מיה; וועלכע ארבייטען שווער און האָפען, דאָס ווען דאָס לאנד וועט זיך ענטוויקלען, ווען דיא שטעדט וועלען אויפוואַקסען וועלען זייערע אוראייניקלעך זיין גליקליך פון אזעלכע מענשען האָט מען קאָלאָניזירט אמעריקא, אויסטראליען און טהיילען פון אפריקא. דיא פאָרטגעשריטענע אידישע ארבייטער קען מען אויך ניט ערווארטען: ערשטענס זיינען סאָציאליסטען און אויסגעשפראָכענע אַנטי־נאַציאָנאַליסטען. זייער פראָגראַם אַנערקענט ניט קיין אידישע נאַציאָן. זיי זיינען פערטיג צו פערבלייבען אין רוסלאַנד און אַלס רוסען זיך אונטערוואַרפען דעם זעלבען שיקזאַל וואָס זייער נאַציאָן (דיא רוסישע נאַציאָן) איז בעשעהרט. ווען זיי בעשליסען זיך צו פערלאָזען זייער היימאַטהס־לאַנד, עמיגרירען זיי קיין פראַנקרייך, ענגלאַנד, אַמעריקא און אין דיעזע לענדער שטעלען זיי זיך אין דער רייהע פון דיא

אָרגאַניזירטע ארבייטער און העלפען זיי בעקעמפפען דעם קאַפּיטאַל וועלכען זיי האַלטען פאַר אַ'ן אלגעמיינעם אינטערנאַציאָנאַלען שונא פון אַרבייטער. דיזע וועלען ניט געהן קיין ציון, זיי וועלען אויך ניט געהן אין א ווילדען לאַנד מיט האָפנונג עס צו ענטוויקלען. זיי זיינען מאָדערנע שטאדט־מענשען, און וועלען בלויז וואָהנען אין גרויסע אינדוסטריעלע שטעדט.

איך ערווארט איין אנטוואָרט דאָס דיא ציוניסטען און טעריטאָריאליסטען וועלען ניט קלייבען, וועלען קיין קשיות ניט פרעגען. יעדער איד וועלכער האָט געגוג ענטהוזיאזמוס, געגוג ענערגיע, וועלכער ליעבט זיין נאציאָן און איז פערטיג זיך אויפצואָפפערן איז איינגעלאדען צו קומען אין נייען לאנד. דאָס איז גאנץ שעהן אויף פאַפּיער, אין א פאמפלעט איבער נאציאָנאליזמוס. וויא וועט עס אבער זיין אין דער ווירקליכקייט?

שטודירט דיא געשיכטע פון אלע קאָלאָניזאציאָנען — אין אמעריקא דיא ערשטע צוויי הונדערט יאהר נאָך דער ענטדעקונג, אין אויסטראליען, אָדער פון דיא בורען אין סויטה אפריקא. דיא וויכטיגסטע זאך אין א נייע לאנד איז פריעדען. דענקט איהר דאס דיא אָרטהאָדאָקסישע אידען, דיא חסידים וועלען קענען לעבען בשלום מיט דיא ראדיקאַלע עלעמענטען? דיא ערשטע וועלען באלד פערלאנגען דאָס אין א אידישען שטאאט זאָל דיא סינאגאָגע רעגיערען. זיי וועלען אויך, פון זייער שטאנדפונקט, האָבען רעכט. צוויי טויזענד יאהר האָבען זיי געוואַרט און גערולדיג געליטען אין גלות, צו האָבען א אידישע קולטור, א קולטור וויא זיי פערשטעהן בעדארף זיין „אידיש", און יעצט אין זייער אייגען לאנד וועלען זיי עס מוזען קריגען. זיי וועלען ניט ערלויבען זייערע קינדער צו געהען אין מאָדערנע שולען, זייערע פרויען וועלען מוזען טראָגען שייטלעך, און זיי וועלען זיך ניט וועלען אָנטהון אין אייראָפּעאישע קליידער. פרייהייט וועט דאָך הערשען — און מען וועט זיי ניט קענען צווינגען צו האנדלען אנדערש. ווער ווייסט אבער ניט וויא פיינדליך דיעזע זיינען געגען דער מאָדערנער קולטור?

אויב אלגעמיינע שטימרעכט וועט הערשען וועלען זיי דאך קענען שטימען דאס א איד טאר ניט רויכען, פאהרען, ארבייטען אים שבת א. ד. ג. דאן מוז מען געדענקען וויא שעדליך עס איז ווען דער שטאאט איז פערבונדען מיט דער רעליגיאן. דיא צרות וואס אידען זיינען אויסגעשטאנען אין גלות שטאמט אלץ פון דער קירכע וועלכע איז געווען א טהייל פון דיא רעגיערונגען אין מיטעלאלטער. און זאגאר יעצט, אין צוואנציגסטען יאהרהונדערט, אין אלע לענדער וואו דיא קירכע איז א טהייל פון שטאאט, ווערען דיא אידען פערפאלגט. דאס זעהט מען אין רוסלאנד, טירקיי, פערסיען, מאראקא א. ד. ג. און אין דיא לענדער וואו די רעליגיאן איז א פריוואט־זאכע, וויא צום ביישפיעל אמעריקא, ענגלאנד, פראנקרייך, א. ד. ג. זיינען דיא אידען פריי. מען קען דאך ניט ערווארטען דאס דיא אידישע רעגיערונג זאל זיין א מיטעלאלטערישע רעגיערונג. דער יונגערער דור וועט זיכער דאס ניט דערלאזען. דיא משכילים, דיא סטודענטען, דיא געלעהרטע וועלען דאס זיכער טרייען בעקעמפפען. וועלען זיי זיין ערפאלגרייך? וועלען זיי זיין דיא מאיאריטעט? דיעזע קעמפפע, דיעזע שטרייטיגקייטען וועלען זיין גענוג צו צוברע־כען די אידישע רעגיערונג, צו דעמאראליזירען דאס פאלק, איבער־הויפט אין א'ן אונענטוויקעלטען לאנד וועלכעס בעדארף האבען פריעדען.

„א נאציאן מוז זיין און איז א שטארק־דויערנדע ארגאניזא־ציאן", זאגט יעקב גארדין („נאציאנאליזמוס און אסימילאציאן", צוקונפט, נאוועמבער, 1905). „דער איד האט ניט דיעזע פעהיג־קייט, ער קען דיזארגאניזירען, אבער ניט ארגאניזירען. זיין אייגענע אלטע געשיכטע דערצעהלט אונז, אז נאך אפילו דארט אין דער היים איז ער געווען געגען ארגאניזאציאן און פאלקס־דיסציפלין... זיי האבען געבונטעוועט געגען משה'ן, געגען די נביאים, געגען זייערע קעניגע, געגען גאט זאגאר. איין מלוכה איז געווען ווייניג אויף אזא שטיקעל לאנד וויא זיי האבען פערנומען, זיי האבען געדארפט האבען א קעניגרייך פיר יהודה און א בעזונדערע קעניגרייך פיר ישראל." דאס איז געווען מיט אמאליגע אידען וויא וועט עס

יעצט זיין מיט דיא אידען אין אייגענעם לאנד? א ליטוואק האט פיינט א פוילישען אידען; דער גאליציאנער איד רופט א ליטוואק א „צלם קאפ", דער אונגארישער איד האסט א גאליציאנער און א רוסישער איד האט ניט קיין גרויסע ליעבע צו א רומענישען. ווען מען וועט דיא אלע עלעמענטען צוזאמענברענגען אין א אידישער „טעריטאריע" קען מען זיך פארשטעלען וואס דארט וועט פארקומען!

דריטער אבשניט.

די געפאהר פון אידישען נאציאנאליזמוס, ציוניזמוס און טעריטאריאליזמוס.

דער אויפמערקזאמער לעזער האָט שוין אין דיא פריהערדיגע קאפיטלעך בעמערקט וויא אונזינבאר עס איז צו רעדען פון א „אידישער“ נאציאָן, פאָלק, רעגיערונג און טעריטאָריע. מען קען בלויז רעדען וועגען א אידישער רעליגיאָן, א אידישער סינאגאָגע. אין אנדערע ווערטער: גראד אזוי ווי מען קען, אין ציוויליזירטע לענ־דער ניט רעדען וועגען א פראָטעסטאנטישע, קאטוילישע, מעטהאָ־דיסטישע, עוואנגעלישע ראסע, נאציאָן אָדער רעגיערונג, אזוי קען מען אויך ניט רעדען וועגען א אידישע ראסע, נאציאָן אָדער רעגיע־רונג. איך וועל יעצט נאָך אָנווייזען אויף א פאקט: ווען א׳ן אמעריקאנער פראָטעסטאנט טויפט זיך און ווערט א קאטאָליק, פערבלייבט ער אלץ, פון נאציאָנאלען שטאנדפונקט, א טהייל פון דער אמעריקאנער נאציאָן; ווען א׳ן איטאליענער ווערט א פראָ־טעסטאנט, פערבלייבט ער נאָך אלץ א בירגער פון איטאליען; ווען א׳ן ענגלענדער ווערט א קאטאָליק רעכענט מען איהם נאָך אלץ פאר א׳ן ענגלענדער. וויא איז אבער מיט א אידען? ווען א איד שמד׳ט זיך איז ער באלד אויכ איד. ווען דיא אידען זאָלען זיין א נאציאָן וואָלט ער ניט פערלאָרען געגאנגען דורך שמד גראדע וויא בירגער פון אייראָפּעאישע נאציאָנען פערבלייבען בירגער

זאָגאר ווען זיי ווערען אידען. דיא גאנצע „אידישקייט" בעשטעהט אין רעליגיאָן, און ניט אין ראסע, ניט אין נאציאָנאליטעט. ווען א קריסט איז זיך מגייר, ווען ער נעהמט אן דעם אידישען גלויבען ווערט ער באלד א איד, אלע אידען זיינען פערטיג איהם צו אנערקענען אלס א ברידער, אלע אנטיסעמיטען קוקען באלד אויף איהם קרום און דיא רוסישע הוליגאנעם וועלען זיכער ניט פערנאכ-לעסיגען זייער „היילינע" פפליכט איהם צו הרג'ענען ביי דער ערשטער געלעגענהייט. עס איז פאָלגליך דומהייט צו רעדען וועגען א אידישער ראסע, אָדער נאציאָן.

ווען עס זאָל אבער בלויז זיין א דומהייט וואָלט עס קיינעם ניט געהארט און ניט געשאדעט. יעדער מענש האָט דאָך א רעכט דום צו זיין. ווען אבער איינינע מיסברויכען דיעזע פריווילעגיע, ווען זיי טהוען דאמיט שאדען 10,000,000 מענשען וועלכע זיינען שוין געגוג פערפאָלגט, האָבען שוין גענוג צרות, דאן איז צייט מען זאָל זיי הייסען סטאָפען.

וואָס איז דער געפאהר אין אידישען נאציאָנאליזמוס, ציוניז-מוס און טעריטאָריאליזמוס?

דיא אַנטיסעמיטען און דיא נאַציאָנאַליסטען רופען דיא אידען פרעמדע.

דער ערשטער אנטיסעמיט המן האָט געזאָגט צו זיין קעניג אחשורש: „ישנו עם אחד מפזר ומפרד בין העמים, בכל מדינות מלכותיך, ודתיהם שנות מכל עם, ואת דתי המלך אינם עושים למלך אין שוה להניחם." ד. ה., עס געפינט זיך א פאָלק, צושטרייעט און אבגעזונדערט אונטער די פעלקער, אין אלע פראָווינצען פון דיין קעניגרייך און דיא געזעצע פון דיעזען פאָלק זיינען אנדערש פון דיא געזעצע פון אלע אנדערע פעלקער, און זיי פאָלגען ניט דיינע געזעצע און עס בעצאָהלט זיך ניט דעם קעניג זיי צו לאָזען עקזיסטירען. פונקט דעמזעלבען פזמון זאָגען דיא מאָדערנע אנטיסעמיטען, העלוואלד, ביסמארק, אָהלווארדט, שטעקער, פיקארט, דרומאָנד, און זייער

איבריגע חברה. דיא אידען זיינען א פרעמדע נאציאָן אין אייראָפּא, זיי פּאָלגען ניט דיא געזעצע פון לאנד וואו זיי וואָהנען, זיי האָבען זייערע אייגענע געזעצע, זיי מוזען וואָהנען אָבגעזונדערט פון פרעמדע, ווייל דיא אייראָפּעער קענען מיט זיי זיך ניט צוזאמענ־קומען.

וואָס זאָגען דיא ציוניסטען און נאציאָנאליסטען? פּונקט דאָסזעלבע; דיא אידען שטאמען פון א אידישער אָדער א „סעמי־טישער" ראסע, און זיינען שטאָלץ דארויף. דיא אידען האָבען אייגענע מנהגים, אייגענע אייגענשאפטען, וועלכע שטעלען זיי העכער פון אלע אנדערע ראסען, וועלכע מאכען זיי פאר אתה בחרתנו'ניקעס. דיא אידען זיינען א נאציאָן וועלכע וועט קיינמאָל ניט קענען רוהיג צוזאמענלעבען מיט אנדערע נאציאָנען, וועט אימער מוזען לעבען אָבגעזונדערט פון אלע אנדערע נאציאָנען. וואו א איד וואָהנט מוזען קריסטען אנטלויפען און א איד האָט אימער ליעב בלויז זיינע אייגענע. עס איז דאריבער פאר דיא אידען נעפעהרליך צו פערבלייבען צווישען דיא אייראָפּעער. ער מוז זיך גרינדען איין אייגען לאנד אין ציון, אין עגיפּטען ,אין אוגאנדא, א. ז. וו. וואו ער וועט זיך קענען לעבען במנוחה, אליין פאר זיך.

עס איז פּאָלגליך ניט קיין אונטערשיעד צווישען דיא מיינונגען פון דיא אנטיסעמיטען און נאציאָנאליסטען.ביידע שרעקען דעם אייראָפּעער פאר דיא „פרעמדע", פאר דיא אידען; ביידע מאכען פון אידען דאָס וואָס דיא אמעריקאנער האָבען געמאכט פון ניגער. איך גלויב דאָס לינקאָלן האָט אירגענד־וואו געזאָגט דאָס „עס איז פאראן א גרויסער פיזישער אונטערשיעד צווישען דיא ווייסע און שווארצע ראסען וועלכע ערלויבט ניט אויף עביג דאָס זיי זאָלען לעבען צוזאמען אלס גלייכע מענשען הן פון פּאָליטישען הן פון סאָציאלען שטאנדפּונקט." ווען מען רעדט פון ניגערס זעהט מען דעם פיזישען אונטערשיעד צווישען ווייסע און שווארצע מענשען. ווען מען רעדט אָבער פון אידען און קריסטען מוזען אלע צוגעבען דאָס עס גיבט ניט קיין פיזישער אונטערשיעד צווישען ביידען. דיא אידען זיינען אייראָפּעער, און דיא אידישע נאציאָנאליסטען און

קריסטליכע אנטיסעמיטען האָבען קיין רעכט ניט צו מאכען אונטערשיעדע צווישען אידען און אייראָפּעער, גראדע וויא מען האָט קיין רעכט ניט צו אונטערשיידען פּראָטעסטאנטען פון קאטאָליקען. אלע זיינען גלייכע מענשען.

ביז ניט לאנג האָבען בלויז דיא אנטיסעמיטען בעשולדיגט דיא אידען דאָס זיי זיינען פרעמדע אין אייראָפּא. יעצט טהוען דאָס זעלבע דיא אידישע נאציאָנאליסטען. אויב דער אידישער נאציאָנאליזמוס וועט פערברייטעט ווערען צווישען דיא מאסען קען מען ערוואַרטען דאָס אין א גיכער צייט וועט מען בעהאנדלען דיא אידען גראדע וויא מען בעהאנדעלט יעצט דיא ניגערס. אין דער ווירקליכקייט זעהט מען דאָס שוין אין רומעניען. דאָרט ווערען דיא יעניגע אידען וועלכע זיינען בירגער פון לאנד בעהאנדעלט גראדע אזוי גוט וויא דיא רומענער. מען ערלויבט אבער זעהר זעלטען א אידען צו ווערען א בירגער — זיך צו נאטוראליזירען. כמעט אלע אידען זיינען פאָלגליך „פרעמדע“ אין רומעניען און אלס פרעמדע מעג מען זיי פערפאָלגען. (*)

ווען דיא „אייליען קאָמישאָן“ וועלכע האָט אונטערזוכט דיא

*)אין איין אַרטיקעל איבער דיא אידען אין רומעניען, וואס דיא רומענישע קעניגין האט ניט לאַנג געשריעבען פאר א ניו יארקער זשורנאל, דערמאנט זיא ניט דאס ווארט „איד“, נאר רעדט אימער וועגען דיא “פרעמדע“. דער אמת איז דאס אידען זיינען געוועזען אין רומעניען נאך פיעל פריהער פאַר דיא רומענער. דיא אַנטיסעמיטישע קעניגין רופט זיי נאך אַלץ „פרעמדע“. דיא אידישע נאַציאנאַליסטען זיינען מיט איהר אין דיעזער היגזיכט, וואַהרשיינליך איינפערשטאַנדען, ווייל פון נאציאנאַליסטישען שטאַנדפונקט זיינען אידען פרעמדע אין אייראפא, זיי זיינען אַזיאַטען.

אידישע איינוואנדערונג קיין ענגלאנד, האָט פאר א פּאָר יאהר צוריק געמיטעט אין לאָנדאָן, האָבּען פיעלע פון דיא וועלכע זיינען געווען געגען אידישע איינוואנדערער געזאָגט דאָס דיא אידען קענען ניט ווערען קיין גוטע בירגער פון א פרייע לאנד ווייל זיי האלטען ענגלאנד בלויז פאר א גוט לאנד ביז דיא צייט וועט קומען ווען זיי וועלען זיך קענען אומקעהרען קיין ציון. לאָרד לאנסדאון האָט אין זיין רעדע אין דיא הויז אָוו קאָממאָנס גערעדט מיט פליינע ווערטער דאָס דיא ענגלישע נאציאָן איז ניט בערייט צו געבען א מקום מנוחה צו מענשען וועלכע זאָגען אָפען דאָס זיי ווילען פערבלייבען א'ן אָב־געזונדערטע נאציאָן און זיך אָבהיטען זיי זאָלען אינטים זיך ניט צוזאמענקומען מיט דיא ענגלענדער. עמיגראנטען וועלכע האָפען ביי דער ערשטער געלעגענהייט זיך צוריקצוקעהרען אין זייער „אייגען" לאנד בעדארף מען ניט אריינלאָזען. פיעלע ענגלישע אידען זיינען איבערציינט דאָס דיא געזעצע געגען דער אידישער אימיגראציאָן קיין ענגלאנד און דער אנטיסימיטיזמוס וועלכער האָט זיך דיא לעצטע צייט ענטוויקעלט זיינען מעהרסטענטהיילס דער רעזולטאט פון דער ציוניסטישער אגיטאציאָן.

אין אמעריקא שרייען אלע וועלכע זיינען געגען אידישער אימיגראציאָן דאָס זיי אנערקענען דאָס דיא פעראייניגטע שטאאטען בעדארפען האָבען אימיגראנטען, נור ניט אימיגראנטען וועלכע שטאמען פון „פרעמדע" (עליען) ראסען און קענען זיך קיינמאָל ניט אסימילירען; קענען קיינמאָל ניט ווערען קיין טרייע בירגער; אימיגראנטען וועלכע האלטען אמעריקא בלויז פאר א גוט לאנד צו וואָהנען אויב א ווייל ביז ציון וועט ווידער אויפגעבויט ווערען, אזעלכע אימיגראנטען טויגען ניט. ווארט און אין גיכען וועט מען הערען אין קאָנגרעס אין וואשינגטאָן ציטירען ארגומענטען פון דער ציוניסטישער ליטעראטור צו בעווייזען אז אידען זיינען ניט קיין גוטע אימיגראנטען.

דיא נאַציאָנאַליסטען האבען וועניג אנהענגער אין פרייע לענדער.

דיא אידעע דאָס דיא אידען זיינען א נאַציאָן איז דורכאויס פאלש, וויא איך האָב שוין בעוויזען אין ערשטען אבשניט פון דיעזען ביכעל. דיא אידען דענאַציאָנאַליזירען זיך אין פרייע לענדער וויא דיא פעראייניגטע שטאאטען, ענגלאנד, פראנקרייך און אמעריקא. אין א לאנד וויא אמעריקא פיהלען דיא אידען אינכטינקטיוו דאָס זיי זיינען א טהייל פון דער בעפעלקערונג, גלייך מיט אלע אנדערע און ווילען ניט וויסען פון אידישען נאַציאָנאַליזמוס. איך וועל געבען א ביישפיעל וויא וויית דיא אידען זיינען אין דיא פעראייניגטע שטאאטען וויית פון ציוניזמוס:

מיר האָבען אין אָדעססא בלויז 150,000 אידען. עס איז בעוויזען געוואָרען דאָס כמעט 75,000 פון דיזע אידען אין אָדעססא זיינען שרעקליך אָרעם און לעבען טהיילווייז פון צדקה. אין דיא פעראייניגטע שטאאטען האָבען מיר מעהר וויא צעהן מאָל אזוי פיעל אידען כמעט 1,750,000, און פערהעלטניסמעסיג וועניג אָרימע לייט, איבערהויפט וועניגער וויא אין אָדעססא. ווען איך בין געוועזען אין באזעל ביים 7טען ציוניסטישען קאָנגרעס האָט מען מיר געזאָגט דאָס אָדעסא האָט בייגעטראָגען מעהר שקלים צום ציוניסטישען פאָנד וויא דיא אידען אין אמעריקא. א שקל איז בלויז 25 סענט און ווער ווייסט ניט וויא לייכט עס איז צו קריגען א קוואָדער פון א אידען פאר א אידישען צוועק. דאָך אין דער ווירקליכקייט האָבען מיר וועניגער ציוניכטען אין גאנץ אמעריקא, צווישען 1,750,000 אידען וויא אין אָדעסא צווישען 150,000 אידען! שטעלט אייך פאָר וויפיעל קוואָדערס דיא סאָציאליסטען, אָדער זאָגאר דיא אנארכיסטען קענען לייכט ארויס־קריגען פון אידען. אין אמעריקא האָבען מיר קיין איינציגע סטריקט־ציוניסטישע טעגליכע צייטונג, דיא סאָציאליסטען האָבען

דריי, און דיא אנארכיסטען וועלען באלד אויך האָבען איינע. דיא ציוניסטען האָבען זעהר וועניג אָנהענגער אין אמעריקא, ווייל וויא איך האָב שוין בעוויזען, אין א פרייען לאנד, וואו אידען האָבען גלייכע רעכטע, דענאציאָנאליזירען זיי זיך. זיי ווערען א טהייל פון דער נאציאָן צווישען וועלכער זיי וואָהנען און אין פערלויף פון עטליכע דורות פערליערען זיי דיא אלע אייגענטהימליכקייטען מיט וועלכע דיא גרויזאמע אונטערדריקונגען האָבען זיי געבראנדמארקט. זעהט דיא אידישע צייטונגען אין ענגליש וועלכע מיר האָבען דוצענד־ווייז אין אמעריקא. קיין אידישע ליטעראטור אין פולען זינען פון וואָרט, קיין אידישע קולטור געפינט מען ניט אין זיי. אלע אידישע שרייבער וועלכע שרייבען ענגליש דרוקען זייערע ווערקע אין ענגלישע זשורנאלען. דיא אידיש־ענגלישע צייטשריפטען דרוקען בלויז דרשות פון רעפאָרם־ראבינער, און זאָגענאנטע „סאָשיאל ניוס“. דיא אידישע צייטונגען אין ענגליש זיינען בלויז רעליגיעזע צייטשריפטען, ווייל דיא אידען זיינען אמעריקאנער, א טהייל פון דער אמעריקאנער נאציאָן, און זיי לעזען ליטעראטור פון אידישען לעבען אין דער אלגעמיינער ענגלישער ליטעראטור. גראדע אזוי וויא מיר האָבען אנדערע רעליגיעזע צייטשריפטען פראָטעסטאנטישע, קאטאָלישע, מעטהאָדיסטישע, א. ד. ג. אזוי האָבען מיר אידישע רעליגיעזע צייטשריפטען. מיר האָבען אָבער ניט קיין אידישע נאציאָנאלע צייטשריפטען ווייל מיר זיינען ניט קיין נאציאָן.

דיא אידישע נאציאָנאליסטען קענען אין א פרייע לאנד וויא אמעריקא ניט האָבען קיין ערפאָלג און קענען דאָ ניט קריגען קיין אנהענגער, דאָ קענען אידען

ניט פערלאנגען אידישע קולטורעלע און שפראכליכע אויטאָנאָמיע, וויא זיי פערלאנגען עס אין רוסלאנד.

שטעלט אייך פאָר ווען דיא אמעריקאנער רעגיערונג זאָל גאראנטירען דיא אידען אין ניו יאָרק „דורכ'ן געזעץ צו בענוצען דיא אייגענע (?) שפראכע; טעריטאָריאלע זעלבסטפערוואלטונג"; „נאציאָנאל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע" זיי „אויסשליסען פון רשות פון דער מלוכה" זיי איבערלאָזען זיך „זעלבסט צו פערוואלטען אין קולטור פראגען, פאָלקס־בילדונג" א. ד. ג. וויא דער „בונד" פערלאנגט (זעה רעזאָלוציאָנען אין נומער 1 „וועקער"). שטעלט אייך פאָר ווען דיא אמעריקאנער רעגיערונג זאָל אונז ערלויבען צו „שאפפען א ריין אידישען שטענדיגען קאָנגרעס" און מיר זאָלען ניט זיין רעגיערט פון קאָנגרעס אין וואשינגטאָן און דיא לעדזשיסלייטשור אין אָלבאני; ווען דיא אמעריקאנער רעגיערונג זאָל וויטער פאָלגען דיא „סאָציאל רעוואָלוציאָנערע טעריטאָריאליסטען" און מאכען א געזעץ צו צווינגען דיא אידען פון „לאנד זאָלען וואָהנען קאָנצענטרירט"*) אין איין געגענד וואו אידען זאָלען זיין דאָס רוב פון דער גאנצער בעפעלקערונג פון דעם געגענד און דורך דעם האָבען דיא מעגליכקייט איינצופיהרען אין לעבען א

---

*) דיא אידען זיינען שוין א מאל געווען „קאָנצענטרירט" אין דיא גהעטאָס, און האבען דארט געהאט זייער אייגענע רעגיערונג. ווען מיר דערמאנען זיך אן יענע פינסטערע צייטען געהט אונז א שוידער איבער דעם קערפער. יעצט ווילען „פארטגעשריטענע" אידען דאס מען זאל אונז אין צוואנציגסטען יאהרהונדערט ווידער קאָנצענטרירען אין גהעטאָס. און א סאָציאַליסטיש־נאציאָנאַליסטישע צייטונג (דאס „פאלק") דרוקט אזעלכע פארדערונגען אהנע צו בעמערקען די שעדליכקייטען פון אזא קאָנצענטראציאָן.

אידישע געזעצגעבונג.״ וואָס וואָלט געוועז ווען דיא אידען אין אמעריקא, ענגלאנד, פראנקרייך אָדער זאָגאר רוסלאנד זאָלען „קאָנצענטרירט ווערען״ אין איין געגענד?

ווייסט איהר דאָס דיא אמעריקאנער וואָלטען ניט געוואגט דאָס צו טהון מיט דיא ניגערס? ווייסט איהר דאָס מען קאָנצענטרירט בלויז אבשייליכע בעשעפענישע, געפאלענע פּערזאָנען אין איין געגענד? ווייכט איהר דאָס דיא ערגסטע, דיא פּרעכסטע אנטיסעמיטען האָבען קיינמאָל ניט געמאכט אזעלכע פאָרשלעגע? שטעלט אייך פאָר דאָס אידען זאָלען קריגען ספּעציעלע געזעצע אין אמעריקא וועגען גט, וועגען שיידונג, ווייל דיא אידען אין רוסלאנד האָבען א רעכט צו גט׳ן זיך ביי א רב, און זיך ניט אָנפרעגען ביי דעם געריכט (*). אזא אויטאָנאָמיע וואָלטען פיעלייכט אייניגע רבנים געוואָלט, אבער וואָס וואָלטען מענשען מיט קלאָרע קעפּף געזאָגט דארויף. אין אמעריקא זיינען אידען צופריעדען מיט שיידונגען אין געריכטסהויז. דאן וועגען הייראטהען: וויפיעל אידען הייראטהען אין „סיטי האָלל״? איך האָב שוין פריהער אָנגעצייגט אז אידען אסימילירען זיך אין אמעריקא אויף אנדערע אופנים — זיי לערנען זייערע קינדער ניט קיין אידיש שרייבען — וויפיעל געבוירענע אמעריקאנער אידען קענען שרייבען אידיש? איז ניט ענגליש דיא אומגאנגסשפּראכע פון אלע אמעריקאנער געבוירענע אידען? דיא אידען אין אמעריקא טראָגען אויך אמעריקאנישע קליידער. האָט שוין יעמאנד געזעהן א׳ן אמעריקאנישען אידען מיט פאות, מיט א קאפּאָטע, שיך און זאָקען און א שטריימעל? מעהרסטע אמעריקאנער אידען ראזירען זייערע בערד; און אום צו מאכען דיא אסימילאציאָן פאָלקאָמען פערבייטען זיי זייערע נעמען — גאָלדשטיין ווערט גלעדסטאָן, דובינסקי ווערט דאָבלין און ירושלים ווערט דזשעראָם. וועלכע אנדערע נאציאָן

---

*) אדער גאר פיעללייכט אמת אידישע גט׳ן: אויפצוהענגען אדער אנוואָרפען דעם ווייב א גט, וויא מען טהוט נאך יעצט אפט אין רוסלאַנד און גאלוציען.

טרייע אזוי זיך פאַלקאָמען צו אסימילירען וויא דיא אידען? פערביטען דיא איטאליענישע, פראנצוויזישע, דייטשע, סקאנדינאווישע אימיגראנטען זייערע נעמען?

דא אידען אין אמעריקא, ענגלאנד, פראנקרייך, איטאליען א. ד. ג. ווילען ניט קיין אויסנאהמסגעזעצע, ווילען ניט א'ן אייגענע שפראַכע, ווילען ניט קיין אייגענעם קאָנגרעס (דער אמעריקאנער קאָנגרעס איז גענוג פאר דיא אמעריקאנער אידען) און ווילען ניט קאָנצענטרירט ווערען אין העכסטער סטריט, וויא דיא טעריטאָריאליסטען שלאָגען פאָר. ווען דיא אמעריקאנער זאָלען האלטען דיא אידע פאר אזעלכע אבשייליכע בעשעפענישע דאָס מען מוז זיי „קאָנענטרירען" וואָלט מען זיי גאָר ניט אריינגעלאָזט קיין אמערקא. מען האלט אונז אבער פאר מענשען גלייך מיט אלעמען.

דאן שטעלט אייך פאָר ווען מען זאָל געבען אויטאָנאָמיע דיא אידן זיך אליין צו רעגיערען וויא דער בונד און דיא טערטאָריאליסטען שלאָגען פאָר. ווייסט איהר ווער עס וועט רעגיערען? דא „אידישע" אידען, דיא רבנים, דיא גבאים, דיא כלי קודש. זיי זנען דיא איינציגע וועלכע א רעגיערונג קען אנערקענען אלס דיא וכטיגסטע רעפרעזענטאנטען פון יודענטהום, ווייל דאָס יודענהום איז א רעליגיאָן, וויא איך האָב שוין אויבען בעוויזען. דער ונד פערלאנגט דאָס מען זאָל „קולטור־פראגען, פאָלקס־בילדונג ג. ד. ג. אויסשליסען פון דעם רשות פון דער מלוכה" און זיי איבערגעבען דיא אידען אליין אונטער „בעזונדערע איינריכטונגען". זיי ווילען וויא עס שיינט דאָס דיא פאָלקס־שולען, דיא אוניווערסיטעטען אין אידישע שטעדט זאָלען בענוצען דיא אידישע שפראכע, זשארגאָנישע לעהר־ביכער א. ד. ג. אלץ אונטער דעם רשות פון דיא אידען. שטעלט אייך פאָר פאָלקס־שולען אונטער דעם רשות פון פאָרשטעהער פון יודענטהום אין רוסלאנד, גאליציען א. ד. ג. אין אמעריקא. אין ניו יאָרק האָבען דיא „סטודענטען" אין דער ישיבה בעדארפט סטרייקען ווייל מען האָט זיי ניט ערלויבט צו לערנען ענגליש. וועלען דיא רבנים ערלויבען דאָס אידישע קינדער זאָלען לערנען ספרים חצונים? וועלען זיי ערלויבען

צו לערנען געשיכטע, געאָגראַפיע, פיזיק, אסטראָנאָמיע? אָדער וועלען זיי זיך בעגניגען מיט לערנען חמוש מיט רש"י, גמ׳א און דעם שלחן ערוך? מיר קענען דיא אידען אין רוסלאַנד, דיא חסידים אין גאַליציען. מיר ווייסען וואָס זיי וועלען אויסקלייבען.

אידישע נאַציאָנאַל קולטורעלע אויטאָנאָמיע.

דיא זאָגענאַנטע „אויטאָנאָמיע" וועלכע ווערט אגיטירט פון „בונד" און פון דיא טעריטאָריאַליסטען איז ווערט צו בעטראַכטען עטוואָס טיעפער, עטוואָס גענויער. דער בונד פערלאַנגט אָטיגע און טעריטאָריאַלע זעלבסטפערוואַלטונג; נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע: אויסשליסען (דיא אידען אין רוסלאַנד) פון רשות פון דער מלוכה, אַזוי אויך פון דער אָרטיגער און טעריטאָריאַלער זעלבסטפערוואַלטונג דיא פונקציעס וועלכע זיינען פערבונדען מיט קולטור־פראַגען (פאָלקסבילדונג און אַנדערע) און איבערגעבען זיי דער (אידישער) נאַציאָן זעלבסט אין דער געשטאַלט פון בעזונדערע איינריכטונגען". (וועקער נומער 1.). דיא סאָציאַליסטען־טעריטאָריאַליסטען פאָרדערן: „דאָס אידישע פאָלק פון יעדען לאַנד זאָל וואָהנען קאָנצענטרירט אין איין געגענד און דורך דעם האָבען דיא מעגליכקייט איינצופיהרען אין לעבען א אידישע געזעצגעבונג".

דיעזע פאָרדערונגען זיינען העכסט רעאקציאָנער. ווען דיעזע רעגיערונגען אין דיא פערשיעדענע לענדער אין איירָאָפּאַ און אמעריקא זאָלען נאָכגעבען דיעזע פאָרדערונגען פון „בונד" און פון דיא טעריטאָריאַליסטען, וואָלטען זיי צוריקגעבראַכט דיא אידען צו דעם זעלבען צושטאַנד אין וועלכען זיי האָבען זיך געפונען אין מיטעלאַלטער, וויא איך וועל דאָ בעווייזען.

דיעזע „אויטאָנאָמיע" פערלאַנגען איינצעלנע נארישע אידען וועלכע קענען ניט דיא אידישע געשיכטע. זיי הערען היינטיגע צייטען וויא פיעלע נאַציאָנען אין מזרח איירָאָפּעאישע לענדער פערלאַנגען אויטאָנאָמיע; וויא דיא אונגאַרן, טשעכען, דיא פוילען, דיא ליטוואַקעס, דיא ארמעניער א. ז. וו. פערלאַנגען „אויטאָנאָמיע"

און קעמפפען דאפיר מעהר אדער ווייניגער. פרעגען זיך דיעזע אידישע בעל טובה׳ניקעס, ווארום זאלען מיר אידען אויך ניט קריגען אויטאנאמיע? דיא אידען זיינען דאך מענשען, א פאלק גלייך מיט אלעמען, ווארום זאל זיי דיא רוסישע און עסטרייכישע רעגיערונג ניט בעהאנדלען גלייך מיט אלע אנדערע פעלקער? דוכט זיך זיי האבען רעכט; דיא אידען ברויכען דאך קריגען אלעס וואס אנדערע פעלקער קריגען אין א לאנד. ווען אלע אנדערע קריגען אויטאנאמיע, ווארום זאלען דיא אידען עס ניט קריגען?

דיא אידען אין יענע לענדער (פוילען, ליטא, רוסלאנד) האבען שוין א מאל געהאט אויטאנאמיע. ווער עס האט שטודירט דיא אידישע געשיכטע ווייסט פון דער אידישער „רעפובליק" אדער וויא מען האט עס גערופען „ק ה ל" אין רוסלאנד, פוילען און ליטא, און ווייסט אויך וואס פאר א פחד, וואס פאר א שרעק דער „קהל" האט געווארפען אויף יעדען פארטגעשריטענעם אידען. אין פינפצעהנטען, זעכצעהנטען, זיעבצעהנטען און אכטצעהנטען יאהרהונדערט האבען דיא אידען געהאט א פאלקאמענע נאציאנאל-קולטורעלע אויטאנאמיע אין יענע לענדער, זיינען געווען „אויסגעשלאסען פון רשות פון דער מלוכה", האבען געהאט „איינגעפיהרט אין לעבען א אידישע גזעצגעבונג." דיא אידען אין יעדע שטאדט זיינען רעגיערט געווען פון קהל — „כלי קודש", וועלכע זיינען ערוועהלט געווארען יעהרליך פון דיא אידישע איינוואהנער. אין קראקוי איז דיא אידישע „לעגיסלאטור", דער קהל, בעשטאנען פון פיערציג מיטגילעדער, אין ווילנא פון פינף און דרייסיג, אין קלענערע שטעדט פון ווייניגער. אויפ׳ן שפיץ איז געווען דער „ראש הקהל", איין אלמעכטיגער רעגיערער, אונטער איהם זיינען געווען אנדערע כלי קודש, פרנסים, דינים און שמשים, און דאס אידישע פאלק איז געווען אין זייערע הענד. דיעזע „רעפרעזענטייטיווס", דיא פארשטעהער פון דיא אידען אין פערשיעדענע שטעדט פלעגען זיך אפט צוזאמענקומען אין א אידישען קאנגרעס, דער „ועד ארבע ארצות", און האבען געמאכט געזעצע וועלכע אלע אידען האבען געמוזט פאלגען. דער „קהל" און דער „ועד" האט רעגיערט איבער

דיא אידען ערשטענס פון רעליגיעזען שטאנדפונקט, און פערפאָלגט יעדען זועלכער האָט זיך ניט אויפגעפיהרט אזוי וויא דיא כלי קודש האָבען פאָרגעשריעבען, און זאָגאר ארייגעלעגט אין חרם יעדען אפיקורות וועלכער האָט זיי ניט געפאָלגט און געלערנט ספרים חצונים. דאָן האָט אויך דער קהל געהאט פערשיעדענע דינים — ריכטער האָבען ניט נאָר גע'פסק'ענט שאלות, נאָר אויך געאורטיילט אין בירגערליכע זאכען. דער בית דין איז געווען אָפען יעדען טאָג און אידען זיינען געקומען זיך בעקלאָגען איינער אויף דעם צווייטען אין געלד־זאכען, וועגען ירושות, וועגען חזקה א. ד. ג. זייער אורטהייל האָט מען געמוזט פאָלגען ווייל דיא רעגיערונג פון לאנד האָט זיך ניט געמישט אין דיא אינערליכע אנגעלעגענהייטען פון דיא אידען וועלכע זיינען געווען „אויבער דעם רשות פון דער רעגיערונג". דער קהל האָט אויך רעגולירט דיא געשעפטען פון דיא אידען, אכטונג געגעבען דאָס מען זאָל ריכטיג מעסטען און וועגען סחורה, ארויסגעגעבען פאספאָרטען, געגעבען הכשרים צו קצבים, גערייניגט דיא אידישע גאסען, אויסגעהאלטען דיא תלמוד תורה'ס, געהאט א צענזור איבער דיא אידישע דרוקערייען און ביכער („קולטורעלע אויטאָנאָמיע!"), געסעטעלט סכסוכים צווישען מאן און ווייב, זיי גע'גט און וויעדער חתונה געמאכט, געהאָלפען דיא לענדלאָרדס קאָלעקטען רענט א. ד. ג. אום צו צאהלען דיא געהאלטען פון דיא כלי קודש, און צו צאָהלען דיא טאקסעס צו דער רעגיערונג האָט דער קהל געריסען פון טויטע און לעבעדיגע. מען האָט ארויפגעלעגט א טאקסע אויף זאלץ, טאבאק, ליכט, העררינג, פלייש, א. ז. וו.; זיי האָבען אויך ארויפגעלעגט א טאקסע אויף מעהל, אויף ארבייטער, אויף ברויערייען און אויף קרעטשמעס; זיי האָבען אפילו טאקסירט נדן וואָס מען האָט דאמאלס מיטגעגעבען כמעט יעדע אידישע טאָכטער צו דער חתונה. דיא אלע געלדער האָט מען בענוצט צו צאָהלען דיא שטייערען דער רעגיערונג, צו צאָהלען דיא געהאלטען פון דיא כלי קודש, א. ד. ג. ווען דער קהל איז ענדליך אָבגעשאפט געוואָרען אין אָנפאנג פון נייצעהנטען יאהרהונדערט האָבען דיא אידען אבגע־

אָטהעמט א ביסעל פרייער. און זאָגאר דאמאלס ווען דיא אידישע קהילה איז געווען פעראנטוואָרטליך צו דער רעגיערונג פאר אידישע רעקרוטען, ווייסען מיר וואָס פאר א צרות דאָס אידישע פאָלק, דיא אידישע אָרימע לייט זיינען זיך אויסגעשטאנען פון דיא „פאימשטשיקעס", וועלכע האָבען „געכאפט" אָרימע אידישע קינדער, אפיקורסים א. ד. ג. און זיי אָבגעגעבען פאר סאָלדאטען.

איך האָב דיא אידישע אויטאָנאָמיע אין מיטעלטאלטער בע־שריעבען אויספיהרליך אום צו ווייזען וואָס אידען קענען היינטיגע צייטען ערווארטען פון „נאציאָנאל קולטורעלע אויטאָנאָמיע". אום צו בעגרייפען דיא געפאהר פאר אידען אין אויטאָנאָמיע מוז מען אימער געדענקען דעם אונטערשיעד צווישען אידען און אנדערע פעלקער אין מזרח אייראָפּא. דיא פוילען זיינען א נאציאָן — זיי האָבען איין אייגענע לאנד (וועלכע רוסלאנד, דייטשלאנד און עסטרייך האָבען ביי זיי אוועקגערויבט), דיא אונגארן, ליטוואקעס און טשעכען האָבען אויך אייגענע לענדער, אייגענע שפּראכען א. ד. ג. און זיינען נאציאָנען אין פולען זינען פון וואָרט. זיי פער־לאנגען ניט דיא אויטאָנאָמיע פון רעליגיעזען שטאנדפונקט, אלס קאטהאָליקען צ. ב. ש. עס געפינען זיך זעהר פיעל קאטאָליקען אין דייטשלאנד און זיי רעכנען זיך פאר דייטשען און פערלאנגען ניט קיין זעלבסט־רעגיערונג דאפיר ווייל זיי גלויבען אין רוימישען פאפּסט. דיא דייטשע רעגיערונג קוקט אויף זיי אויך וויא אויף גוטע פאטריאָטישע דייטשען. דיא אידען אבער זיינען ניט קיין פאָלק, ניט קיין נאציאָן, זיי האָבען ניט זייער אייגענע לאנד אין מזרח אייראָפּא. אין רוסלאנד געפינען זיך בלויז 12 פּראָצענט אידען אין דיא 25 גובערניעס פון דער „טשערטא אָכיעדלאסטי" צווישען 88 פּראָצענט קריסטען און בלויז אין איניגע שטעדט זיינען דיא אידען דיא מאיאָריטעט פון דיא בעפעלקערונג. ווען זיי פערלאנגען זעלבסט־רעגיערונג מוזען זיי עס פערלאנגען פון רעליגיעזען שטאנדפונקט — בלויז דאפיר ווייל זיי זיינען אידען, ווייל זיי געהען ניט אין קירכע. און ווען מען זאָל זיי עס געבען, ווען מען זאָל זיי געבען קולטורעלע אויטאָנאָמיע, וואָלט מען עס

געמוזט איבערגעבען דיא רבנים, זייערע אמת'ע פארשטעהער, פונקט וויא מען האט עס איבערגעבען אין מיטעלטאלטער צום קהל. וואס פאר א מין אויטאנאמיע זיי וואלטען דאן געקריגען קענען מיר זעהען פון דיא אויביגע בעשרייבונג פון דער אידישער אויטאָ־נאמיע אין זעכצעהנטען ביז דעם נײנצעהנטען יאהרהונדערט. וואס וואלטען דיא בונדיסטען, דיא פועלי ציון, דיא טעריטאריאליסטען א. ד. ג. זאגען? מען מוז דאך געדענקען דאס דיא מאיאריטעט פון דיא אידען אין רוסלאנד זיינען נאך עד היום פרומע חסידים און מתנגדים און דאס זיי וועלען אויך קענען שטימען ביי דיא וואהלען. ווערמען וועלען זיי ערוועהלען? דיא בונדיסטען, דיא טעריטאריאליסטען? געוויס ניט! דיא גאנץ רייכע אידען אין רוסלאנד זיינען דאך מעהרסטענס אסימילאטארס, און ניט קיין ציוניסטען און טעריטאריאליסטען; דיא קליינע הענדלער און דיא משכילים זיינען מעהרסטענס ציוניסטען און טעריטאריאליסטען און פיעלע פון דיא ארבייטער זיינען בונדיסטען און סאציאליסטען. דיא מאסע אידען, דיא קרעמערלעך, דיא פראצענטניקעס, דיא כלי קודש, דיא פרומאקעס זיינען דיא מאיאריטעט, און זיי זיינען ניט קיין בונדיסטען, ניט קיין ציוניסטען, ניט קיין טעריטאריאליסטען, זיי זיינען „אידען“ און אלס אזעלכע וועלען זיי פערלאנגען א'ן אמת אידישע קולטער, אזעלכע וועלכע איך האב שוין בעשריעבען אין א פאריגען קאפיטעל. ווער דאס צופרידענשטעלען דיא בונדיסטען?

מען מוז געדענקען דאס דיא היינטיגע אידען אין רוסלאנד זיינען ניט מעהר א גלייכארטיגע מאסע מענשען וויא זיי זיינען געוועזען מיט א פאר הונדערט יאהר צוריק. דאמאלס זיינען זיי אלע געוועזען פרום, אלע האבען געגלויבט דאס דער רבי איז אלמעכ־טיג, אלע האבען געפאלגט די דינים פון דער תורה און תלמוד. היינט אבער האבען מיר פערשיעדענע שאטירונגען און גרופען — פרומע און אפיקורסים, ציוניסטען, פועלי־ציוניסטען, ציונה־ציונים־טען, טעריטאריאליסטען, סאציאליסטען, אנארכיסטען, בונדיסטען, חסידים, מתנגדים, משכילים, רייכע, ארימע, מיטעלע אידען, א. ד. ג.

יעדער גרופּע איז געגען דער אנדערער. שטעלט אייך פאר וויא זיי וועלען אויסקומען צווישען זיך ווען מען זיי געבען אויטאָנאָמיע!

אויטאָנאָמיע פאר אידען וועלכען זיינען צושפּרייט איבער גאנץ רוסלאנד אין אלע שטעדט מיינט אויך אויסנאהם-געזעצע. אין אלע צייטען און אין אלע לענדער וואו מען האָט געמאכט אויסנאהמען מיט אידען איז פאר זיי געווען א צרה. אין אזעלכע לענדער וואו מיר האָבען אין דיא געזעצביכער ניט דערמאָהנט דיא אידען לעבען מיר מעהר אָדער וועניגער גליקליך. אין אמעריקאנער, ענגלישע, פראנצויזישע, איטאליענישע געזעצביכער ווערט ניט דערמאָנט דאָס וואָרט איד. דער איד ווערט רעגיערט גלייך מיט אלע בירגער אלס מענש. דאָס געזעץ וויל ניט וויסען אויב ער בעט גאָט אין קירכע, אין סינאגאָגע אָדער ער דאווענט גאָר ניט. דיא גאנצע צרה מיט דיא אידען אין רוסלאנד, טירקיי, פערסיען און מאראָקאָ איז דאָס אין אלע געזעצביכער ווערט דערמאָנט דאָס מיט אידען בעדארף מען זיך בעגעהן אנדערש וויא מיט דער גוי'אישער בעפעלקערונג. אנשטאט צו קעמפּפען געגען דיא אויסנאהמס-געזעצע און פאָרדערן דאָס דיא אידען זאָלען אנערקענט ווערען אלס מיט-בירגער אין לאנד, דאָס אין דיא געזעצביכער, און דער קאָנסטיטוציע פון רוסלאנד זאָל גאָר דאָס וואָרט „איד" ניט דערמאָנט ווערען, פּונקט עס איז ניט דערמאָנט אין דער אמעריקאנער קאָנסטיטוציע, פערלאנגען דיא בונדיסטען און טעריטאָריאליסטען דאָס מען זאָל ווידער אמאָל מאכען אויסנאהמען מיט דיא אידען. זיי פערלאנגען מען זאָל דיא אידען צוריקברענגען מיט א פּאָר יאהונדערטע ריק-ווערטס. וואָס זיי קענען ערווארטען פון אזעלכע רעאקצאָינערע פאָרדערונגען האָב איך אָנגעצייגט רעדענדיג וועגען קהל.

וויא איך האָב שוין דערמאָנט, קענען דיא אידען פערלאנגען „נאציאָנאל קולטורעלע אויטאָנאָמיע" בלויז דערפאר ווייל זיי זיינען אידען, ווייל זיי גלויבען ניט אין קריסטענטהום. ווען רוסלאנד, עסטרייך און רומעניען זאָלען זיי עס געבען, וואָלטען אלע אנדערע רעליגיעזע סעקטען דאָס אויך געקענט פערלאנגען. דיא קאטאָליקען, פּראָטעסטאנטען, דוכאָבאָרצעס, שטונדיסטען, קאלוויניסטען א. ד. ג.

וועלען עס אויך פערלאנגען און עס וועט ניט מעהר וויא רעכט זיין דאס זיי זאלען עס קריגען. וואס וואלט געוועזען דער רעזולטאט? אין דיא לענדער וואו רעליגיאנען וואלטען רעגיערט וואלט ניט געוועזען קיין גוט פלאץ צו וואהנען פאר פרייהייטס־ליעבענדע מענשען אפילו פאר פועלי ציון, וועלכע עס איז דאך ידוע דאס זיי זיינען ניט קיין שטארק רעליגיעזע מענשען.

דיא אידען האבען אין אייראפא געקריגען פרייהייטען בלויז אין אזעלכע לענדער וואו דיא קירכע און דיא רעגיערונג זיינען צוטהיילט. ווען דיא נאציאנאליסטען ווילען זיי ווידער פעראייניגען, ווייזען זיי דערמיט דאס זיי ווילען דעם אידען ברענגען צו דעם זעלבען צושטאנד וויא ער האט זיך געפינען אין מיטעלאלטער.

עמיגראציאן און אסימילאציאן דיא איינציגע רפואה.

עס איז אומזאנסט, צו האפען דאס מען קען ארויסנעהמען זעקס מיליאנען מענשען פון רוסלאנד און זיי בעזעצען אין א נייע טערי־טאריע. וויא איך האב שוין אנגעצייגט פריהער האבען צוואנציג יאהר נאכאנאנד דיא אידען אין דער גאנצער וועלט געטהאן אלעס מעגליכעס פאר 700 אידישע קאלאניסטען פאמיליען אין פאלעס־טינא און יעצט געפינען זיי זיך נאך אין א זעהר קלעגליכען צושטאנד. וויא וועט זיין מיט א מילליאן פאמיליען? אללע רוסישע אידען קען מען דאך אין איין טאג ניט ארויסנעהמען און אריבערברענגען אין א נייען לאנד. דיא רוסישע רעגיערונג האט אין פערלויף פון א יאהר קוים געקענט אריבערברענגען 300,000 סאלדאטען קיין מאנטשוריע און זיי פערזארגען מיט עסען. דאס איז געוועזען מיט רוסישע סאלדאטען וועלכע זיינען געוואהנט צו ליידען. וויא וועט זיין ווען מען וועט טרייען אריבערפיהרען טויזענדער ווייבער מיט קינדער, וועלכע זיינען ניט געוואהנט צו ליידען? וויא וועט מען זיי שפייזען דיא ערשטע פאר יאהר איידער זיי ענטוויקלען דאס לאנד?

נון, וועט מען דיא אידען ארויסנעהמען ביסלעכווייז — צו צוואנציג, דרייסיג טויזענד א יאהר, זאגען נאציאנאליסטען. דאצו ברויכט מען אבער ניט קיין ספעציעלע ארגאניזאציאנען. עס פאהרען ארויס פון רוסלאנד איבער 100,000 אידישע עמיגראנטען יעהרליך אין אנדערע לענדער. דאס איז פיעל מעהר וויא אלער־האנד ארגאניזאציאנען, ציוניסטישע און טעריטאריאליסטישע קענען האפען ארויסצונעהמען. זיי פאהרען אוועק אין דיא גרויסע שטעדט פון ענגלאנד, אמעריקא, זיד אפריקא, אויסטראליען, ארגענ־טינא א. ד. ג. וואו זיי סעטלען זיך גאנץ פיין און ווערען בירגער אין דיא נייע לענדער. דיא ציוניסטען האלטען אין איין שרייען דאס מען וועט באלד פערמאכען דיא טהירען פון ענגלאנד און אמעריקא פאר דיא אידען. דאס איז ניט אמת. דיא אמעריקאנער און ענגלענדער האלטען פארלויפיג נאך ניט דאס דיא אידען זיינען א סעמיטישע ראסע, וויא דיא ציוניסטען און אנטיסעמיטען ווילען בעווייזען.(*) דיא אמעריקאנער האלטען דיא אידען פאר ווייסע מענשען, פאר אייראפעער. דיא כינעזער וועלכע זיינען מאנגאלען האט מען טאקי אויסגעשלאסען. דיא אידען אבער וועט מען אויס־שליסען נאר דאן ווען מען וועט אויסשליסען אלע אימיגראנטען, און

---

*) דיא נאציאנאליסטען האלטען אין איין שרעקען דיא אידען דאס אמעריקא איז שוין פערמאכט, מען שיקט שוין צוריק טויזענדע אידען. דאס איז ניט אמת. פון דיא 130,000 אידישע אימיגראנטען וואס זיינען געקומען לעצטעס יאהר קיין אמעריקא האט מען בלויז 1700 ניט ארויני־געלאזען, ד. ה. ניט פיעל מעהר וויא 1 פראצענט. אין אנדערע ווערטער וועניגער וויא צוויי פון יעדע הונדערט אידען וואס זיינען געקומען קיין אמעריקא אין 1905 האט מען צוריקגעשיקט. דיא טהירען פון אמעריקא זיינען נאך פארלויפיג אפען פאר 98 פראצענט פון אלע אידען. דאס ענגלישע אימיגראציאנס־געזעץ איז ניט שטרענגער וויא דאס אמעריקא־נישע, און דיא אידען קענען נאך אהין אויך פאהרען. ארגענטינא און בראזיליען האבען כמעט גאר קיין אימיגראציאן געזעצע ניט, און אלע אידען קענען פאהרען קיין זיד אמעריקא.

דאָס איז נאָך גאנץ ווייט. אמעריקא בעדאַרף פאַרלויפיג נאָך פיעל אימיגראנטען. און ווען עס וועט קומען א צייט ווען דיא פעראייניג־טע שטאאטען וועלען ניט אריינלאָזען קיין פרעמדע, וועלען דיא אידען קענען פאָהרען קיין זיד־אמעריקא — ארגענטינא, בראזיליען, קיין זיד אפריקא און אויסטראליען. עס וועט געדויערן הונדערטע יאָהרען ביז דיעזע לענדער וועלען אָנגעפילט ווערען.

דיא רוסיש־אידישע פראגע ווערט יעצט מעהר אָדער וועניגער געלעזט אין רוסלאנד. דיא רעוואָלוציאָן וועלכע רוסלאנד גערט יעצט דורך וועט אויך רעוואָלוציאָניזירען דיא אידישע פראגע. עס איז קיין צווייפעל דאָס אין פערלויף פון איינינע יאהר וועלען אלע אויסנאהמס־געזעצע ארונטערגענומען ווערען. דיא אידען וועלען דאן דאַרטען לעבען גראדע וויא זיי לעבען יעצט אין דייטש־לאנד, פראנקרייך, ענגלאנד, א. ז. וו. זיי וועלען ווערען רוסען וויי־דאן וועלען אלע בירגער זיין רוסען, דיא פּראָטעסטאנטען, סובאָט־ניקעס, שטונדיסטען, מאהאָמעדאנער, א. ד. ג. דיא טויזענדע אידען וועלכע וועלען ניט קענען וואַרטען אויף דיעזער ישועה וועלען אליין עמיגרירען אין אנדערע לענדער.

מען מוז זיך ערינערען דאָס דיא אידען אין רוסלאנד געפינען זיך יעצט אין דעם צושטאנד אין וועלכען עס האָבען זיך געפונען דיא אידען אין מערב אייראָפּא אונגעפעהר 75 יאהר צוריק. דאמאָלס האָבען דיא אידען אין דייטשלאנד, שווייצאריען, איטא־ליען, ענגלאנד א. ד. ג. געהאט כמעט אזוי וועניג רעכטע אלס בירגער וויא דיא אידען האָבען יעצט אין רוסלאנד און רומעניען. אבער זייט זיי האָבען געקריגען גלייכע רעכטע, האָבען זיי זיך אין א קורצער צייט אסימילירט דאָס מען דערקענט זיי שוין כמעט יעצט ניט. ערשט צוריק מיט 50 יאהר זיינען זיי געווען אָבגעזונדערט אין גהעטאָס, פערפאָלגט און אונטערדריקט, און יעצט זייט מען האָט פאר זיי געעפענט דיא פאָלקס־שולען און אוניווערזיטעטען, זייט מען האָט זיי ערלויבט זיך צו בעטהייליגען אין אלע אידעאלען און בעוועגונגען פון דיא פעלקער צווישען וועלכע זיי לעבען, זיינען זיי געוואָרען גוטע בירגער אין דיא אייראָפּעאישע לענדער. אין

ענגלאנד האָבען דיא אידען געגעבען זייער פאטערלאנד איינעם פון דיא נוצליכסטע בירגער—דיזראעלי; אין דייטשלאנד האָבען זיי פראָדוצירט דעם גרויסען פּאָעט היינע; קארל מארקס און לאסאל האָבען ניט געפרעדיגט דעם סאָציאליזמוס אלס אידען, נור אלס דייטשען; און געאָרג בראנדעס, איינער פון דיא גרעסטע מאָדערנע קריטיקער, ווען ער רעדט וועגען נאציאָנאל געפיהל, רעדט ער אלס א נאָרוועגער ניט אלס איד. דיא אידען אין אייראָפּא האָבען זיך אסימילירט אין פערלויף פון 75 יאהר אזוי דאָס יעצט רעכענט זיך איין ענגלישער איד אלס ענגלישמען, א פראנצויזישער אלס פראנצויז, א'ן איטאליענישער, אלס איטאליענער, א. ז. וו. און 75 יאהר איז א זעהר קליינע צייט אין דער געשיכטע פון א'ן אלטען פאָלק וויא דיא אידען.

וויא עס שיינט האָט שוין אָנגעפאנגען צו טאָגען אויך אין רוסלאנד, דיא ליכטיגע, העלע שטראהלען פון פרייהייט האָבען ענדליך אָנגעפאנגען צו בעלייכטען דאָס פינסטערע לאנד, און דיא אידען קענען דאָרטען ערווארטען פונקט דאָסזעלבע וואָס דיא פרייהייט אין מערב אייראָפּעאישע לענדער האָט זיי געגעבען. באלד וויא דיא קירכע ווערט אָבגעטהיילט פון שטאאט, וועלען אויך דיא אידען אין רוסלאנד קריגען דיזעלבע רעכטע וואָס זיי האָבען אין אנדערע לענדער. דער בעקאנטער ענגלישער שרייבער לוסיען וואָלף האָט גאנץ רעכט ווען ער זאָגט דאָס אין אלגעמיין האָט מען דיא אידען געגעבען גלייכע רעכטע מיט אלעמען ניט דערפאר ווייל מען האָט זיי צופיעל ליעב, נאָר בלויז דערפאר ווייל דיא בעגריפע פון נאציאָנאליטעט זיינען רעוואָלוציאָניזירט געוואָרען אין מערב אייראָפּעאישע לענדער. דיא אייראָפּעאישע לענדער מוזען יעצט זיין טאָלעראנט. אין דייטשלאנד און ענגלאנד מוז מען ערלויבען דיא קאטאָליקען צו גלויבען וויא זיי ווילען; אין פראנקרייך האָט מען אויסגעפונען דאָס עס איז זעהר וויכטיג פאר דעם לאנד דאָס דיא קירכע זאָל ניט זיין א טהייל פון דעם שטאאט. דאָס זעלבע געפינען יעצט אויך אויס דיא רוסען און אלס רעזולטאט קענען מיר ערווארטען דיא פרייהייט פון דיא אידען אין יענעם לאנד.

דיא אידען האָבען דאָס אימער געוואוסט, און האָבען דאריבער זיך אימער בעטהייליגט אין אלע בעוועגונגען וועלכע האָבען געהאט דעם צוועק צו צוטהיילען דיא קירכע פון דעם שטאאט. אין פראנקרייך האָבען זיי א גרויסען אנטהייל גענומען אין דער גרויסער רעוואָלוציאָן און זיינען בעפרייעט געוואָרען פון אונטערדריקונגען; אין דייטשלאנד האָבען זיי שטארק געארבייט צווישען דיא רעוואָלוציאָנערען אין דיא פיערציגער יאהרען, און באלד נאָך 1848 האָבען זיי געקריגען מענשליכע רעכטע. דאָס זעלבע איז געוועזען דער פאל אין איטאליען, עסטרייך, א. ד. ג. לענדער וואו דיא קירכע איז ניט א טהייל פון שטאאט. אין אמעריקא זיינען דיא אידען אימער געגען דעם אמענדמענט צו דער קאָנסטיטוציאָן וועלכער ווערט אָפט אגיטירט דאָס יעזוס זאָל דערמאָנט ווערען אין דער קאָנסטיטוציאָן און געגען דעם דאָס רעליגיאָן, און זאָגאר דיא ביבעל זאָל געלערנט ווערען אין דיא פּאָלקסשולען. דיא אידען וויסען גאנץ גוט דאָס אזעלכע זאכען זיינען געפעהרליך פאר זיי. קומען יעצט נאציאָנאליסטען און ווילען צושטערען דאָס וואָס דיא אידען האָבען געקראָגען נאָך לאנגיעהריגען ווארטען און קעמפּפען; און ווילען ניט דערלאָזען דאָס דיא אידען אין רוסלאנד זאָלען אויך קריגען דיא זעלבע רעכטע וואָס זיי האָבען אין פרייע לענדער, און פערלאנגען פערקעהרט, דאָס דיא אידען זאָלען „קאָנצענטרירט ווערען" און געטהאָס, זאָלען קריגען „אויטאָנאָמיע" ווייל זיי זיינען אידען.

שליססע.

1) דער ציוניזמוס איז ניט דורכפיהרבאַר. פאַלעסטינא איז צו קליין פאר צעהן מיליאָן אידען. סיריען, מעזאפאָטאמיען און קליין־אזיען קען מען ניט פערלאנגען ווייל זיי זיינען קיינמאָל ניט געוועזן אויסשליסליך אונטער דער אידישער מאכט. ווען מען זאָל אפילו דיעזע לענדער קריגען פאר דיא אידען און אלע אידען זאָלען אהין אויסוואנדערען וואָלטען זיי אויך ניט געווען גליקליך. עס געפינען זיך דאָרט איבער 14 מיליאָן מאהאָמעדאנער און קריסטען און עס געפינען זיך בלויז 10 מיליאָן אידען אויף דער וועלט. עס וואָלטען פאָלגליך געווען מעהר „פרעמדע“ אין דער אידישער מלוכה וויא אידען. א לאנד, וואו פרעמדע זיינען דיא מאיאָריטעט איז ניט אין א זעהר גליקליכען צושטאנד.

2) דער טעריטאָריאַליזמוס איז ניט דורכפיהרבאַר, ווייל דיא אידען זיינען שטאדט־מענשען און שטאדט־מענשען קענען ניט ווערען קיין אקערבויער. אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט געפינט זיך נישט קיין פאל וואו א מאסע שטאדט־מענשען זאָלען ווערען אקערבויער. פערקעהרט, דאָרפס־מענשען געהען אימער אין דיא שטעדט.

3) דיא אידען זיינען יעצט ניט קיין גלייכאַרטיגע מאַססע. מיר האָבען יעצט אידען אין ענגלאנד, דייטשלאנד, איטאליען, פראנקרייך, אמעריקא א. ד. ג. וועלכע האָבען אנדערע בעגריפע איבער רעליגיאָן, לעבען, מנהגים, א. ז. וו. וויא דיא אידען אין רוסלאנד, עסטרייך, רומעניען, טירקיי א. ד. ג. מיר האָבען פרומע אידען, חסידים, מתנגדים, אפיקורסים, סאָציאליסטען, אנארכיסטען, בונדיסטען א. ד. ג. זאָגאר דיא ציוניסטען זיינען צערשפליטערט אין פערשיעדענע פראקציאָנען. אין באזעל האָב איך געזעהן ביים

לעצטען ציוניסטישען קאָנגרעס וועניגסטענס צוואנציג פראקציאָ־ נען, יעדע ניט איינפערשטאנען מיט דער אנדערער. מען קען פאָלגליך ניט ערוואַרטען קיין פריעדען אין א אידישען לאנד אָדער טעריטאָריע.

4) דיא „נאַציאָנאַל טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע“ איז א רעאַקציאָנערע בעוועגונג. ווען דיא אידען אין רוסלאנד זאָלען עס קריגען וואָלטען זיי רעגיערט געוואָרען פון קהל — פון דיא רבנים, און כלי קודש. וואָס דערפון וואָלט ארויסגעקומען קענען מיר זיך פאָרשטעלען ווען מיר שטודירען דיא אויטאָנאָמיע וואָס דיא אידען האָבען געהאט אין רוסלאנד, ליטוי און פוילען אין מיטעלאלטער.

5) דיא אידען אין מערב אייראָפאַ האבען געקריגען פרייהייט ווען דיא קירכע האט פערלוירען איהר מאַכט איבער דער שטאַאט. אין רוסלאנד זעהען מיר דאס דיא קירכע וועט שוין ניט זעהר לאנג פערבלייבען מעכטיג, און מיר קענען ערוואַרטען דאָס דיא אויסנאהמס־געזעצע וועלען פאָלגליך ארונטער־ גענומען ווערען באלד וויא דיא נייע רעגיערונגס־פאָרם וועט איינ־ געפיהרט ווערען. פאָרלויפיג איז דיא הילף פאר דיא רוסישע אידען עמיגראציאָן. עס איז פאראן גענוג פלאַץ אין אמעריקא פאר נאָך א פאָר מיליאָן אידען און דיא טהירען פון דיא פער־ איינינגטע שטאאטען זיינען נאָך אָפען פאר אידען פונקט וויא פאר קריסטען. ווען אמעריקא וועט שוין ניט בעדארפען קיין נייע עמיגראנטען וועלען אידען קענען פאָהרען אין דיא זיד אמעריקאנישע לענדער, וואו זיי זיינען ווילקאָמען.

ענדע.

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL NEW YORK 20